STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04891

ANTDEKTE OYTSRES

Leib Khaimovich Vilsker

Permanent preservation of this book was made possible
by Irving & Rose Sokolow
in memory of
Meyer & Rose Sokolow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (51) № 3

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 3, 1985

לייב ווילסקער

אינטערעסאַנטע אוצרות

העפט 2

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1985

אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע
פון אַרן ווערגעליס

דאָ ווערט געגעבן דער העפט 2 פון לייב ווילסקערס „אנטדעקטע אויצרעס" — אַ פאָרזעצונג פון זײַנע ליטעראַטור־פאָרשערישע נאָטיצן אין ערשטן העפט (בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 1981).

אינהאַלט

באַם אורקוואַל פון דער „פושקיניאַנע" בײַ ייִדן 3
מ. פלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פון פושקינס ליד 28
אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי 38
אַ שוימרוינישע איבערזעצונג פון סעאַדיעס „באַקאָשע" 52

באַם אורקוואַל פון דער „פּושקיניאַנע" באַ ייִדן

די ערשטע איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק אַף העברעיִש און ייִדיש פאָדערן אַ גרינטלעכע פאָרשונג. וואָס איז שייַעך דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון דער האַשפּאָע פון פּושקינס פּאָעזיע אַף דער דיכטונג באַ ייִדן, איז ער אַף העברעיִש געווען אינטענסיווער, איידער אַף ייִדיש. צו אַזעלכע אויספירן קאָן מען קומען, פאַרגלייַכנדיק פאַרשיידענע ביבליאָגראַפישע קוואַלן און אָפּשאַצונגען פון ליטעראַטור-קריטיקער אַףביידע שפּראַכן.

סאָוועטישע פאָרשער זייַנען נאָך אין די דרייַסיקער יאָרן געקומען איינשטימיק צו דער מיינונג, אַז אין ייִדיש האָט דער פּראָצעס שטאַרק פאַרשפּעטיקט. איינער פון זיי — ל. מישקאָווסקי — האָט געשריבן: „אַף ייִדיש זייַנען ביז דער רעוואָליוציע פּושקינס ווערק קימאַט ניט איבערגעזעצט געוואָרן. די עטלעכע פּרוּוון, וואָס מע האָט יאָ געמאַכט, זייַנען געווען נישטיקע. די איבערזעצונגען זייַנען געווען שלעכטע, און זיי האָבן ניט געקאָנט געבן קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן פּושקינס ריזיקן טאַלאַנט". נאָך קלאָרער האָט זיך אויסגעדריקט ב. סלוצקי: „פּושקין איז ביזן 1917 יאָר קימאַט אינגאַנצן געבליבן אומבאַקאַנט אין ייִדיש... ער האָט אויך געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אַף דער ייִדישער פּאָררעוואָליוציאָנערער דיכטונג".

אין זעלבן גייַסט האָט געשריבן אַ. וועלעדניצקי אין 1937: „די ייִדישע ליטעראַטור האָט ביז איצט קימאַט ניט פאַרמאָגט קיין דערפּאַרונג פון איבערזעצן פּושקינס ווערק. די אַרבעט פון איבערזעצן פּושקינען הייבט זיך, אייגנטלעך, איצט אָן — אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור".

פאר די ערשטע איבערזעצונגען אין יידיש האלט מען די, וועלכע זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם וועכנטלעכן זשורנאל „אייראָפּעיִשע ליטעראטור", וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין ווארשע אין 1910 (פארלאג „פּראָגרעס") אונטער דער רעדאקציע פון א. רייזען. אלס ערשטע איבערזעצער פון פושקינען זײַנען אָנגעוויזן: ארן גראָדזענסקי (1891, אומגעקומען אין ווילנע אין 1941), דאניִעל טשארני (1888 — 1959) און לייב נײַדוס (1890 — 1918). ב. סלוציק שרײַבט ווײַטער וועגן דער האשפּאָע פון דעם געניִאלן רוסישן דיכטער אויף אַשער שווארצמאנען און דאָוויד האָפּשטיינען, וועלכע „זײַנען דערצויגן געוואָרן אויף פושקינען, זיי זײַנען געווען, באזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון זייער שאפן, זייער שטארק אונטער פושקינס ווירקונג". ב. סלוצקי באהויפּטעט, אז האָפּשטיין און שווארצמאן האָבן „די ערשטע ארײַנגע-בראכט אין דער יידישער פּאָעזיע פושקינס יאמב, פושקינס געלײַטערט, קלאָר וואָרט, זײַן פאטעטישקײַט, זײַן שטײַפן, קלינגענדיקן פערז". מיט אָט דעם טעזיס וועלן מיר שפּעטער פּאָלעמיזירן. ס'וועט אָבער ניט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אז די סאָוועטישע יידישע (און ניט נאָר יידישע) שרײַבער, און קודעמקאָל דיכטער, האָבן ניט אויסגעמיטן די פרוכטבארע ווירקונג פון פושקינס געניִאלע ווערק.

וועגן דער רײַכער האשפּאָע פון דער רוסישער קלאסישער פּאָעזיע, און פון פושקינס בפרט, אויף דער העברעיִשער דיכטונג איז פאראן א היפּשע ליטעראטור. וועגן דעם שרײַבט, למשל, י. בען-יעשורין (קי-טייקישער) אין זײַן מאָנאָגראפיע „השירה הרוסית והשפעתה על השירה העברית" („די רוסישע פּאָעזיע און איר האשפּאָע אויף דער העברעיִשער", תל-אביב, 1955). צווישן די העברעיִשע דיכטער, וועלכע זײַנען באַ-ווירקט געוואָרן דורך פושקינען, ווי אויך דורך אייניקע אנדערע רוסישע דיכטער, זײַנען דאָ איבערגערעכנט י.-ל. גאָרדאָן, קאָנסטאנטין שאפּיראָ, מאָרדכע צווי-מאנע, ח.-נ. ביאליק, ש. טשערניכאָווסקי, י. שימאָנאָוויטש.

וועגן פושקינס האשפּאָע אויף דער העברעיִשער פּאָעזיע האָבן גע-שריבן אויך פיל אנדערע, למשל, ש. טשערניכאָווסקי „פושקין איז אונדזער מעכיצע", י.-א. קלאוזנער אין זײַנע ארטיקלען וועגן פושקינען אין ביידע אויסגאבעס פון דער „ליטעראַרישער אלגעמיינער און יידישער ענציקלאָפּעדיע". פושקינס האשפּאָע אויף ח.-נ. ביאליקן האָבן געווידמעט זייערע פאָרשונגען יערוכאם-פישל לאכאָווער „חיים נחמן ביאליק, הייו

ויצירתו" („כאַיִם-נאַכמען ביאַליק, זײַן לעבן און שאַפֿן") און י. פֿיכמאַן אין זײַנע ביכער „שירת ביאַליק" („ביאַליקס דיכטונג") און „סופֿרים בחייהם" („שרײַבער, ווען זיי האָבן געלעבט").

ס'איז קעדײַ אויך ברענגען דעם אויספֿיר, צו וועלכן ס'איז געקומען י. בען-יעשורין (קיטײַקישער) אין זײַן פֿאָרשונג „די רוסישע פּאָעזיע און איר האַשפּאָע אויף דער העברעיִשער": „מיר דאַרפֿן דאַנקבאַר זײַן דער רוסישער פּאָעזיע, וועלכע האָט — אַליין ניט וויסנדיק דערפֿון — מיטגעהאָלפֿן דער באַנײַונג פֿון דער העברעיִשער דיכטונג. מיר וואָלטן ניט זיכע געווען צו פֿיל ווערק, מיט וועלכע מיר גרויסן זיך איצט, ווען ניט די רוסישע פּאָעזיע".

פּושקינס ווערק זײַנען געקומען צו יִידן דורך צוויי קוואַלן. ערשטנס, דורכן רוסישן אָריגינאַל. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז יעכידים זײַנען געווען מיט זיי באַקאַנט נאָך באַם דיכטערס לעבן. צווייטנס, צוערשט דורך איבערזעצונגען אין העברעיִש און דערנאָך אויך אין יִדיש. אויסער אונדזער אַרבעט „מ. פֿלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פֿון פּושקינס ליד" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1981, נומ. 4), געווידמעט די ערשטע איבערזעצונגען פֿון פּושקינען אויף ביידע שפּראַכן, זײַנען אונדז באַוווּסט אויך אַנדערע אָפּהאַנדלונגען אויף אָט דער טעמע:

1. דראַגאַנאָוו פּ. ד. (1858—1928), „ווער האָט דער ערשטער גענומען זיך איבערזעצן פּושקינען און די ערשטע איבערזעצונגען זײַנע אויף 50 שפּראַכן און דיאַלעקטן פֿון דער וועלט"[1].

2. אויפֿן יעסאָד פֿון אָט דער אַרבעט האָט דער זעלבער אווטאָר פֿאַרעפֿנטלעכט אַ זעלבשטענדיקע אויסגאַבע אונטערן טיטל: „דער פּופּציקשפּראַכיקער פּושקין, דה. די איבערזעצונגען פֿון פּושקינען אין 50 שפּראַכן און דיאַלעקטן פֿון דער וועלט"[2].

אין ביידע אויסגאַבעס פֿאַלן זיך צונויף די אָנגאַבן וועגן די איבערזעצונגען אין העברעיִש און אין דער „יִדישער מינדלעכער שפּראַך לויטן

[1] *Драганов П. Д. Кто впервые принялся переводить Пушкина и первоначальные переводы его на 50 языках и наречиях мира. — «Исторический вестник А. С. Суворина». Санкт-Петербург, 1899, № 5, стр. 634—668.*

[2] *Драганов П. Д. Пятидесятиязычный Пушкин, т. е. переводы А. С. Пушкина на 50 языках и наречиях мира. Санкт-Петербург, 1899 г.*

רוסיש-עסטרײַכיש-פּרײַסישן זשאַרגאָן אשקענאז". „וועגן די העברעישע איבערזעצונגען, — שרײַבט פּ. ד. דראַגאַנאָוו, — האָט מיר מיטגעטײלט דער ביבליאָגראַף ס. מ. גינזבורג". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין שאָול גינזבורגס (1866—1940) ביבליאָגראַפישער פּינקטלעכקײַט קומט ניט אויס צו צווײפלען. עס ווערן געבראַכט 7 איבערזעצונגען, אָנהײבנדיק פונעם 1861 ביזן 1899 יאָר. אַנדערש אָבער באַקומט זיך, ווען דראַגאַנאָוו שרײַבט וועגן פּושקינס איבערזעצונגען אין „דער יידישער מינדלעכער שפּראַך". ער רופט ניט אָן, ווער עס האָט אים אינפאָרמירט, אָדער, פּינקטלעכער, דעזינפאָרמירט. עס באַקומט זיך לעכערלעך. די איין-און-אײנציקע אויסגאַבע, וועלכע איז דאָ געבראַכט... איז די העברעישע איבערזעצונג פון דער „מעַסע וועגן פישער און פישעלע" פון א. ליוּבאָשיצקין, וואָס זי איז געווען איבערגעדרוקט אין וואַרשע אין 1899, און גראָד זי פעלט אין דער העברעישער רעשימע.

3. שאָכטמאַן, באַרוך (1890—1956), „תרגומי פושקין בעברית" — „איבערזעצונגען פון פּושקינען אין העברעיש" („האַרעץ", 19 פעוראַל 1937).

4. לאַכאָווער, שמועל, „יצירת א פושקין בתרגומי סופרים עברים" — „א. פּושקינס שאַפונג אין איבערזעצונגען פון העברעישע שרײַבער" („דאַוואַר", 10 יון 1949).

5. לאַכאָווער, שמועל, אלכסנדר סרגײביץ פושקין. ביבליוגרפיה" — „אַלעקסאַנדער סערגײעוויטש פּושקין. ביבליאָגראַפיע" (אין זשורנאַל „יד לקורא" — „הילף דעם לײענער", 1950, באַנד 2). דער אויטאָר האָט דאָ אונטערגעצויגן אַ סאַכאַקל פון אַלץ, וואָס עס איז אים געווען באַוווּסט אויפן דאָזיקן געביט.

וואָס שײַעך פּושקינס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אויף יידיש, זײַנען אונדז באַוווּסט פאָלגנדע אַרבעטן:

— סלוצקי, ב. „פּושקין אין יידיש". אַרטיקל אין דער צײַטונג „עמעס", 1936, 28 יול.

— מישקאָווסקי, ל. „פּושקינס ווערק אין יידיש". אַרטיקל אין דער צײַטונג „שטערן", 1936, 2 אָקטיאַבער; „פּושקינס ווערק אין יידיש. — וועגן פּושקינען" (ביבליאָגראַפיע); אין זײַן בוך „אַלעקסאַנדער סערגײעוויטש פּושקין. צום הונדערטסטן יאָרטאָג פון זײַן טויט". קיעוו, צענטראַלע יידישע מעלוכע-ביבליאָטעק א. נ. פון מאָריס ווינטשעווסקי, 1937.

— וועלעדניצקי, א. „פושקין אין יידיש". זשורנאל „פארמעסט", 1937, נומ. 1.

— כאשטשעוואצקי, מ. „א. ס. פושקין און די יידישע סאָוועטישע דיכטונג. נאָטיצן". זשורנאל „פארמעסט", 1937, נומער 1.

— פידעלמאן, נ. „ביבליאָגראפיע פון פושקינס ווערק אין יידיש" (סאָוועטישע אויסגאבעס). זשורנאל „פארמעסט", 1937, נומ. 1.

— פינקעלשטיין, א. „א. ס. פושקינס ווערק, דערשינענע אין יידיש", זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", 1974, נומער 6 (די פריסטע איבערזעצונג איז דאָ דאטירט מיטן יאָר 1918).

אין רעזולטאט פון אונדזערע פאָרשונגען האָבן מיר געפונען און פעסטגעשטעלט אומבאוווּסטע אויסגאבעס און איבערדרוקן פון פושקינס איבערזעצונגען אין העברעיש און יידיש, וועלכע זיינען ניט פיקסירט אין אָט די ביז גאָר וויכטיקע און אינטערעסאנטע ארבעטן. זיי באווייזן, אז דאָס וויגעלע פון פושקינס איבערזעצונגען אין העברעיש און יידיש איז געווען רוסלאנד.

מיר מיינען, אז עס האָט ניט קיין זין צו בויען איליוזיעס אין זוכן איבערזעצונגען פון פושקינען בא יידן אין די 1820-ער יאָרן, האגאם אזעלכע זיינען שוין באוווּסט אין אנדערע שפראכן: אין פראנצויזיש און דייטש (1823), שוועדיש (1825), סערביש און פויליש (1826), איטאליעניש (1828). עס איז אפילו צו פרי זיי זוכן אין די 1830-ער — אָנהייב 1840-ער יאָרן, ווען עס האָבן זיך שוין באוויזן די איבערזעצונגען פון פושקינען אין אוקראיניש און טשעכיש (1830), מאָלדאוויש, סערבאָ-כאָרוואטיש און ענגליש (1835), האָלענדיש (1837), דעניש און ארמעניש (1843). די צייט איז נאָך ניט געווען רייף דערצו. דער קולטורעלער מאצעוו פון די יידן אין רוסלאנד איז געווען ניט קיין גינסטיקער פאר אזעלכע איבערזעצונגען. אויף דער גאנצער טעריטאָריע פון רוסלאנד, ווו עס האָבן געלעבט יידן, איז ביזן 1840 ניט געווען קיין איין יידישע וועלטלעכע שול, ווו מע זאָל לערנען די רוסישע שפראך און ליטעראטור. געווירקט האָט אויך, פון איין זייט, די אָפגעזונדערטקייט פון די יידן, וועלכע זיינען געווען פארשלאָסן אינעם טכום, איזאָלירט פון דער רוסישער באפעלקערונג, און פון דער צווייטער, די דיסקרימינאציע-פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג בענוגע יידן.

אין שטעט מיט א געדיכטער רוסישער באפעלקערונג האָבן יידן, אלס קלאל, ניט געוווינט. עס קלינגט אבסאָליוט אומגלייבלעך די יעדיע וועגן א געוועזענעם „יידישן קווארטאל" אין מאָסקווע נאָך פאר דער אינוואזיע פון דער פראנצויזישער ארמיי. די מיטיילונג פון „הצפירה" (פונעם 3(16) אפרעל 1912, נומער 74) באזירט זיך אף א דערקלערונג פון אן אָפיצער פון דער נאפאָלעאָנישער ארמיי, וועלכער האָט קלויי-מערשט גלייך נאָך דער סרייפע אין מאָסקווע דאָרט זיך אָנגעטראָפן און געשמועסט מיט איינעם פונעם „יידישן קווארטאל", וועמענס הויז איז פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט די אנדערע הייזער פון די יידן, וועל-כע האָבן דאָ געוווינט. אלנפאלס, רוסישע אָדער יידישע באגלייבלעכע מעקוירים, וועלכע זאָלן אזוינס באשטעטיקן, זיינען אונדז ניט באוווסט.

ערשט ניט לאנג צוריק האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף א מערק-ווירדיקן דאָקומענט, וועלכער באלויכט דעם צושטאנד פון דער בא-האוונטקייט פון יידן אין רוסיש אין יענע צייטן. אים האָט אָנגעשריבן דעם 4 יון 1862 דער פארוואלטער פונעם מיניסטעריום פאר פאָלקס-בילדונג, סטאטס-סעקרעטאר גאָלאָווינין. דאָס איז אן אָפיציעלע מיטיילונג פון דער ספעציעלער קאנצעליאריע פונעם מיניסטער פאר פאָלקסבילדונג וועגן שולן בא יידן. „זיי האָבן שוין געבראכט א מערקווירדיקע נוץ, — שרייבט גאָלאָווינין, — אפן געביט פון בילדונג און פארשפרייטונג פון דער רוסישער שפראך צווישן יידן. אגעוו, דערצו דינען די פעריאָדישע אויסגאבעס בא יידן אין רוסיש, אין וועלכע עס באטייליקן זיך פיל יידישע מיטארבעטער, און זיי האָבן א באדייטנדיקע צאָל לייענער, אין דער צייט, ווען מיט 20 יאָר צוריק איז אין גאנץ רוסלאנד ניט געווען אפילע קיין 200 יידן, וועלכע זאָלן לייענען, און 20, וועלכע זאָלן שרייבן רוסיש" (לענינגראד, צענטראלער היסטאָרישער מעלוכע-ארכיוו פון פססר, פאָנד נומ. 821, „אָפיס" 8, נומ. 261, ז. 13-15).

אָט אזוי זעט אויס דאָס בילד פון רוסיש בא יידן אין אָנהייב פון די 1840-ער יאָרן. אף א יידישער באפעלקערונג פון פיל העכער פון א מיליאָן נעפאשעס (פארגל. די אָנגאבן, וועלכע זיינען געבראכט אין דער יידישער ענציקלאָפעדיע אין רוסיש «Еврейская энциклопедия», באנד 11, שפאלטן 535-536) זיינען געווען צוויי מיניאָנים, וועלכע האָבן געקענט שרייבן רוסיש!

צווישן די „צוויי מיניאָנים" איז געווען ארייַנגערעכנט דער דעמלט

יונגער און דערנאָך פּאָפּולערער אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור דיכטער, פּראָזאַיִקער, זשורנאַליסט און איבערזעצער אווראָם-בער גאָטלאָבער (1811, אָדער 1810, געשט. 1899). זײַן פּען — ווי ווײַט ס'איז אונדז ביז הײַנט געלונגען צו פעסטשטעלן אפן סמאך פון די ביכער-פאָנדן פון די לענינגראַדער ביבליאָטעקן — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די ערשטע איבערזעצונגען פון דער רוסישער פּאָעזיע אין העברעיִש ביכלאַל. זײַן ערשטער באַנד לידער טראָגט דאָס קעפּל „פרחי האביב" — „פרילינגס-בלומען", און ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער טיפּאָגראַפיע פון ס. וואַקס אין יוזעפאָוו אין 1837. דאָ געפינען מיר דרײַ איבערגעזעצטע לידער פון ב. מ. קאַראַמזינען און צו איינער פון וו. א. אָזעראָוון און מ. מ. כעראַסקאָוון. אַגעוו, זײַנען דאָ אויך פאַרגעשטעלט איבערזעצונגען פון דײַטשישע און פראַנצויזישע דיכטער (א.-ב. גאָטלאָבער האָט זיך דאָ געניצט מיט דער פאַרמיטלונג פון רוסישע איבערזעצונגען).

מיט די ערשטע איבערזעצונגען פון פושקינען און פון אייניקע אַנדערע קלאַסיקער פון דער רוסישער פּאָעזיע קאָן מען זיך באַקאַנען ערשט אין א שפּעטערדיקער אויסגאַבע, וועלכע איז דערשינען אין צען יאָר אַרום.

ריידנדיק וועגן די איבערזעצונגען פון פושקינס ווערק אין העברעיִש און יידיש אינעם אָנפאַנג-פּעריאָד און וועגן זייער ספּעציפישקײַט, דאַרף מען נעמען אין אַכט אייניקע מאָמענטן.

דער אונטערשייד צווישן דער רײַכער רוסישער שפּראַך, וועלכע האָט אין פושקינס צײַטן, און טאַקע אַדאַנק אים, דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון איר אַנטוויקלונג, און דער העברעיִשער איז געווען א קאָלאָסאַלער. די לעקסיק בא די ערשטע העברעיִשע איבערזעצער איז געווען א באַגרענעצטע. זי איז אין בעסטן פאַל באַשטאַנען פון עטלעכע טויזנט וואָרצל-ווערטער פונעם טאַנאַך און פון דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור. מע דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אַפילע די לעקסיק פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, ווי אויך פון דער פּראָזע, פילאָלאָגיע, פילאָסאָפיע, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, איז דאַן נאָך ניט געווען ווי געהעריק באַקאַנט. ניט בעסער האָט אויסגעזען די לאַגע אין יידיש.

די אַלגעמיינע בילדונג פון די איבערזעצער איז אויך געווען א גאַנץ קנאַפּע: דער כיידער, די יעשיווע. א באַגרענעצטע צאָל אויסגאַבעס אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן. ווער-ווער, נאָר די איבערזעצער אַליין זײַנען געווען גוטע מעווינים אָף זייערע ליטעראַרישע קויכעס, גענויער געזאָגט — שוואַכקײַטן.

די איבערזעצער און איבערזעצונגען זײַנען „קינדער פון זייער עפּאָכע", און די רייד וועגן זיי דאַרפן באַגלייט ווערן מיט קאָנקרעטע אָנווײַזונגען. מע דאַרף זיך ניט וווּנדערן, וואָס, ערשטנס, האַלטן ניט אייניקע איבערזעצער פאַר מעגלעך צו שאַפן קינסטלערישע אין פולן זין פון וואָרט איבערזעצונגען און באַנוגענען זיך מיט פרײַע געגראַמטע אָדער ניט-געגראַמטע און אַפילע ווערטלעכע איבערזעצונגען; צווייטנס, באַהאַלטן אויס די איבערזעצער זייערע נעמען און פאַרעפנטלעכן די אָפּגעטאָנענע אַרבעט אונטער א פּסעוודאָנים, אָדער גאָר אַנאָנים. דאָס איז טאַקע די סיבע פון דעם, וואָס אַרום דער אווטאָרשאַפט פון אייניקע איבערזעצונגען זײַנען פאַראַן כלוקעדייעס; דריטנס, ברענגען אַרויס אייניקע איבערזעצונגען בלויז קליינע פראַגמענטן פון פושקינס ווערק; פערטנס, טרעפן זיך איבערזעצונגען, וועלכע זײַנען געמאַכט אָף אַזוי פיל פרײַ, אַז עס איז קימאַט אוממעגלעך פעסטצושטעלן לויט זיי פושקינס אָריגינאַל. עס טרעפט זיך אויך, אַז א ליד איז פאַרפאַסט אָף א מאָטיוו פון פושקינס א ווערק; פינפטנס, איז די צאָל איבערזעצונגען ביז גאָר א קליינע. עמעס, ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז א טייל פון זיי איז מיט דער צײַט פאַרפאַלן געוואָרן און פון זיי זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען קיין יעדיִעס. נאָך מער, אַפילע די איבערזעצונגען, וועלכע זײַנען יאָ צו אונדז דערגאַנגען, געפינען זיך אין אַזא נישטיקער צאָל עקזעמפּליאַרן אין דער וועלט, אַז ניט יעדן זײַנען זיי צוגענגלעך.

ס'איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס די ביז איצטיקע ביבליאָגראַפיעס שפּיגלען ניט אָפּ און זײַנען, אייגנטלעך, ניט בעקויעד אָפּצושפּיגלען אין דער נייטיקער מאָס די איבערזעצונגס-טעטיקײַט אָף דעם געביט. פאַרן פּעריאָד ביז דעם יאָר 1880 אײַנגעשלאָסן זײַנען אין אַלע דערמאָנטע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן באַוווּסט ניט מער ווי צוויי אויסגאַבעס אין העברעיִש: איינע פון 1861, די צווייטע פון 1880, און אין יידיש — קיין איינע ניט. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט אונדז בעפּייִרעש אָפּגעגליקט, און אויסער די ביידע דערמאָנטע איבערזעצונגען און די געבראַכטע פאַרן

יאָר 1856 אינעם ארטיקל „מ. פלונגיאַן און זײַן איבערזעצונג פון פושקינס א ליד", האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף איבערזעצונגען אין העברעיש סײַ ביז דעם 1861, סײַ פון דער צווישנצײַט 1861—1880, ווי אויך אף איין איבערזעצונג אין ייִדיש פונעם געפּאָרשטן צײַט-אָפּשניט.

אין 1847 איז אין דרוק פון דער אימפּעראַטאָרישער וויסנשאַפט-אקאדעמיע פארעפנטלעכט געוואָרן א לערנבוך פון דער רוסישער שפּראַך פאר ייִדן: „תבנית ספר החנוך ללמד בני העברים את לשון רוסיא". דער טיטל אין רוסיש: «Опыт руководства к практическому упражнению евреев в русском языке».

דער בוך באשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער אנטהאלט די גראמאטיק פון דער רוסישער שפּראַך. דער רוסישער טעקסט איז דאָ טראנסקריבירט מיט העברעיִשע אויסיִעס און איבערגעזעצט אין העברעיש. דער צווייטער שטעלט מיט זיך פאָר א „זאמלונג פון בארימטע רוסישע שאפונגען" מיט ווערטלעכע איבערזעצונגען אף העברעיִש. דער רוסישער טעקסט, ווו אלע ווערטער זײַנען נומערירט מיט א לויפנדיקן נומער, איז אָפּגעדרוקט אין דעם אייבערשטן טייל פונעם בלאט, און אין דעם אונטערשטן — זייערע אנטשפּרעכנדיקע נומערירטע איבערזעצונגען אף העברעיִש.

מע מוז גלײַך אָפּמערקן, אז דער אויסוואל פון אווטאָרן און ווערק איז דאָ א גאנץ געלונגענער. מיר געפינען אינעם לערנבוך אי. קרילאָווס פּאָפּולערע מעשאָלים „דער העלפאנד און דאָס הינטל", „געגנדז", „דער פוקס און די ווײַנטרויבן", „דער דורכגייער און די הינט", „דער שוואן, דער העכט און דער קרעפס", „דער אייזל און דער סאָלאָוויי", „דאָס ליבעלע און די מוראשקע"; אי. כעמניצערס „דער מילכאָמע-טאבאָר" און „דער סאָלאָוויי און דער טשיזשיק"; מ. דמיטריִעווס „די שלאנג און די פּיאווקע", „דער אָדלער און די שלאנג".

אף וויפל עס דערלויבן פעסטשטעלן די מאטעריאלן פון די ביבליִאָטעקן, מיט וועלכע אונדז איז אויסגעקומען זיך צו באקאנען, זײַנען אלע געבראכטע אין אָט דעם בוך דיכטער, אויסער נ. מ. קאראמזינען, איבערגעזעצט אין העברעיִש צום ערשטן מאָל.

פּושקין איז דאָ פאָרגעשטעלט מיט דרײַ פראגמענטן פון צוויי ווערק: פונעם „קופערנעם רײַטער" צוויי פראגמענטן — דער ארײַנפיר

און „די פארפֿלייצונג“; א פראגמענט פון דער טראגעדיע „באָריס גאָ־דונאָוו“ „די ליטווישע גרענעץ“. פון לערמאָנטאָווס פּאָעזיע איז דאָ אָפּ־געדרוקט „די טפֿילע“.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווילט זיך פארצייכענען אָט וואָס. לויט דער מיטיילונג פון גאלינא קאָווראָווא, דער מיטארבעטערן פונעם לעניג־גראדער „פושקין־הויז“ (אינסטיטוט פון רוסישער ליטעראטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר), איז „דער קופערנער רײַטער“ איבער־געזעצט געוואָרן אין 19־טן יה. אף איטאליעניש (די דאטע — ניט קיין זיכערע), פויליש — אין 1843, פראנצויזיש — 1847, שוועדיש — 1887, גריכיש — 1888, דײַטש — 1898, ענגליש — 1899. „באָריס גאָדונאָוו“ איז איבערגעזעצט געוואָרן אף דײַטש (די דאטע — ניט קיין זיכערע), פראנצויזיש — א פראגמענט — אין יאָר 1837 און פולקום — אין 1847, אף טערקיש — אין 1862. ש. לאכאָווער דאטירט די ערשטע איבער־זעצונג פון לערמאָנטאָוון אף העברעיש מיטן יאָר 1881.

די דיכטונג איז אינעם לערנבוך, אויסער די ווערק פון א. ס. פּוש־קינען און מ. יו. לערמאָנטאָוון, אויך פאָרגעשטעלט מיט לידער פון פּוש־קינס מיטצײַטלער — נ. קאראמזין, וו. בענעדיקטאָוו, נ. יאזיקאָוו, וו. זשו־קאָווסקי, פּ. וויאזעמסקי, מ. מוראוויאָוו און אנד.

עס ווערן אינעם בוך געבראכט אויך פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע ארטיקלען.

דער אוטאָר פונעם לערנבוך איז לעאָן (לייב) אָסיפּאָוויטש מאנ־דעלשטאם (1819 — 1889) — דער ערשטער ייִד, וועלכער האָט בא־קומען הויכבילדונג אין א רוסישער הויכשול. ער איז געווים אן אויסערסט זעלטענע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פונעם רוסלענדישן ייִדנטום אין 19־טן יה. פון קינדווײַז אָן האָט ער געשעמט אלס אן „אילוי“, צו 13 יאָר שרײַבט ער לידער. ער האָט געקענט צען שפּראכן און אף פינף פון זיי גערעדט אבסאָליוט פרײַ. אין 1844 האָט ער פארענדיקט דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, וו ער האָט שטודירט לינגוויסטיק פון מיזרעך־שפּראכן. אין אפּרעל 1843, ווען אין פּעטערבורג איז פאָרגעקו־מען א קאָנפערענץ פון די ראבאָנים, אף וועלכער עס איז באהאנדלט געוואָרן די פראגע וועגן אויסבעסערן די לערן־סיסטעם בא ייִדן, און מיצאד דער רעגירונג זײַנען ארויסגעטראָטן אייניקע אָנגעזעענע פּער־זענלעכקײַטן, בעסויכעם דער בילדונגס־מיניסטער ס. ס. אוואראָוו, האָט

ל. מאנדעלשטאם אויסגעפילט די פליכטן פון ראטגעבער און סעקרעטאר. ווען מאקס ליליענטאל (1815—1882), דער פראָפּאגאנדיסט פון דער אידיי אופצוהייבן דעם ניוואָ פון דער בילדונג צווישן יידן אין רוסלאנד, איז אָפּגעפאָרן פונעם לאנד, האָט ל. מאנדעלשטאם אָפיציעל פארנומען זיין פּאָסטן. דאָס איז געשען אין 1846. ער האָט זיך גענומען פיבער-האפטיק פאר דער דאָזיקער מיסיע און געגרייט לערנביכער פאר יידן. צווישן זיי איז טאקע געווען דער «Опыт руководства», דער ער-שטער אף דעם געביט.

וואָס שייך דער ווערטערלעכער איבערזעצונג פון פושקינס ווערק פון רוסיש אין העברעיש, שטימט זי מיט דער הערשנדיקער אין יענע צייטן „פעדאגאָגיק" פונעם כיידער. אף אן ענלעכן אויפן פלעגט מען לערנען כומעש מיט ראשי. די זעלבע „פעדאגאָגישע" מיטלען האָט ל. מאנדעלשטאם געוואָלט איינפירן אויך באם לערנען די רוסישע שפראך.

ל. מאנדעלשטאם האָט געשריבן און געדרוקט זיינע ווערק אין דריי שפראכן: העברעיש, רוסיש און דייטש. א טייל פון זיי איז פארעפנטלעכט געוואָרן אנאָנים. כאים-דאָוויד ליפּע (1823—1900, געלעבט אין גא-ליציע, טשערנאָוויץ, אונגארן, ווין) האָט אין זיין הויפּט-ווערק „ביבליאָ-גראפישער לעקסיקאָן, דער געזאמטען יידישען ליטעראטור דער געגענ-ווארט" (ווין, 1881), אף וועלכן ער האָט געארבעט צענדליקער יאָרן, געבראכט 18 ווערק פון ל. מאנדעלשטאמען. צווישן זיי „משנה תורה" — א ווערק פונעם ראמבאם אין דער איבערזעצונג אף דייטש, א ווערטער-בוך צום טאנאך, פילאָלאָגיש דערקלערט (אין רוסיש), „געשיכטע דער יודען" אין 7 בענדער (אין דייטש), א העברעיש-רוסישער ווערטערבוך און א רוסיש-העברעישער ווערטערבוך,ביידע האָט ער פארעפנטלעכט אין פעטערבורג אין 1859. אינעם צענטראלן מעלוכישן היסטאָרישן אר-כיוו פון פססר זיינען פאראן מאטעריאלן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט זיינע איבערזעצונגען פון טאנאך אין רוסיש, ווי אויך וועגן אנדערע זיינע ארבעטן. ל. מאנדעלשטאם האָט געשריבן לידער אין דייטש און אייניקע קינסטלערישע ווערק אין רוסיש. געלעבט האָט ער אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד, הויפּטזאכלעך אין פעטערבורג, אפן וואסיליעווסקי אָסטראָוו, די לעצטע יאָרן געליטן נויט.

לעאָן מאנדעלשטאם אלס איבערזעצער פון פושקינען איז ביז איצט אין ערגעץ ניט אָפּגעמערקט.

וועגן מ. פלונגיאַנס איבערזעצונג אין העברעיִש פון דער ליד „לעצטע בלומען" זע אונדזער ווײַטערדיק אַרטיקל.

אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע „השרון" („האַשאַראָן") פון דעם צווייטן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל „הכרמל" („האַקאַרמעל") פאַרן יאָר 1861, נומ. 4, ז. 29, איז אָפּגעדרוקט א ליד אין אכט פירשורעדיקע סטראָפעס צו עלף זילבן אין א שורע „אם אשב לי ברד..." — „ווען איך זיץ מיר אן איינזאַמער". אונטערן טעקסט איז אָנגעוויזן: „תרגום" (איבערזעצונג) „ג-ן", מיט א פוסנאָטע: „משירי פושקין הרוסיאי" — „פון די לידער פונעם רוסישן (דיכטער) פושקין". דאָס איז די ערשטע איבערזעצונג אין העברעיִש פון «Брожу ли я вдоль улиц шумных». א ליד, וועלכע פושקין האָט אָנגעשריבן דעם 26 דעקאַבער 1820, פאַרעפנטלעכט איז זי אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" דעם 6 יאַנוואַר 1830.

די דאָזיקע איבערזעצונג האָט געהאַט א ווײַטערדיקע קוריאָזע געשיכטע. אין דער ליטעראַטור-ירושע פונעם פריצײַטיק פאַרשטאָרבענעם טאַלאַנטפולן העברעיִשן דיכטער און מאָלער מאָרדעכײַ-צווי מאַנע (1859—1886) איז געפונען געוואָרן אן איבערזעצונג פון די ערשטע פיר סטראָפעס פון דער ליד, און זי איז מעכאַניש אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין ערשטן באַנד פון מ.-צ. מאַנעס שריפטן (וואַרשע, 1897) אַלס זײַן ווערק. י. ב. גבריאלוב (גאַוורילאָוו) האָט וועגן דעם אָפּגעדרוקט אן אַרטיקל „המשורר ושירו" — „דער דיכטער און זײַן ליד" — אין דער צײַטונג „הצפירה" (צוערשט א וואָכנבלאַט, דערנאָך א טעגלעכע צײַטונג, דערשינען אין וואַרשע, מיט אינטערוואַלן, אין 1886—1931) פונעם 21 יון 1899. דער אווטאָר האָט באַוויזן, אז מ.-צ. מאַנע האָט בלויז לײַכט, אף זײַן געשמאַק, אויסגעראַדאַגירט א טייל פון דער איבערזעצונג, וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין „הכרמל" אין 1861. וועגן דעם האָט אויך געשריבן ש. לאַכאָווער אין זײַן ביבליאָגראַפיע, געווידמעט פושקינען אין העברעיִש.

עס זײַנען פאַראַן צוויי ווערסיעס מיקויעך דעם נאָמען פונעם איבערזעצער, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן פסעוודאָנים „ג-ן". אייניקע רופן אים אָן — יעהודע-לייב גאָרדאָן, אנדערע — יויגע גערשטיין. עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכע מיינונג איז ריכטיקער. ביידע דיכטער זײַנען געווען גוט באַפרײַנדעט און גאַנץ אָפט

זיך געטראָפן. עפשער איז „ג-ן" זייערער א געמיינזאמער פסעוו-דאָנים?

יוינע גערשטיין (1827 — 1891) האָט איינער פון די ערשטע געענ-דיקט די ווילנער ראבאָנים-שול, פארנומען אָפיציעלע שטעלעס: צוערשט, „אוטשאָני יעווריי" פונעם ווילנער גובערנאטאָר, דערנאָך — „קאזיאָ-נער ראָוו" פון ווילנע. אין 1880 האָט ער געעפנט א מעכאניש-פראָפע-סיאָנעלע שול בא דער היגער טאלמעטוירע, וועמענס דירעקטאָר ער איז געווען. ער האָט זיך סיסטעמאטיש געדרוקט אינעם זשורנאל „הכרמל", איבערגעזעצט דעם כומעש אין רוסיש.

יעהודע-לייב גאָרדאָן (1830—1892) איז געווען א באַרימטער העברעישער דיכטער פון דער האסקאָלע-באוועגונג אין רוסלאנד און ער האָט געהאט אויך א שעם צווישן די רוסן. איינער א טוער פון דער פּראָ-וואָסלאווער קירך — סאָפאָני — האָט זיך געהאט אויסגעדריקט, אז „גאָרדאָן איז דער יידישער פושקין". אויסער לידער, האָט ער געשאפן מעשאָלים, דערציילונגען, פובליציסטישע ארטיקלען. כוץ העברעיש, געע-שריבן אין רוסיש, דייטש, יידיש. עמעס, צו יידיש האָט ער זיך באצויגן מיט ביטל: „דאָס דאָזיקע לאָשן איז די טרויעריקסטע דערשיינונג אין דעם היסטאָרישן לעבן פון דעם יידישן פאָלק".

פושקינס ליד «Телега жизни» איז, לויט אונדזערע באָאבאכ-טונגען, די ערשטע, וואָס איז געווען איבערגעזעצט אין יידיש. די איבער-זעצונג אונטערן טיטל „די טעליגע פון דעם לעבן" איז פארעפנטלעכט אין 35-טן נומער פון דער וועכנטלעכער צייטונג „קול מבשר" („קאָל מעוואסער", דערשינען אין אָדעס אין די יאָרן 1862—1872) דעם 3/15 אָקטיאבער 1863.

„די טעליגע פון דעם לעבן" איז בעעמעס אן אויסטערלישע פאר יענע צייטן ליד סיי לויטן אינהאלט, סיי לויט דער פאָרם. פושקין האָט זי פארפאסט אין דער פאָרם פון א פירפוסיקן יאמב, און דער איבער-זעצער האָט געמוזט אריינלייגן פיל קינסטלערישע דערפינדונגען און איינפאלן, קעדיי צו פארהיטן די מעטריק פונעם אָריגינאל:

עס איז דיא משא טאקע שווערליך,
נראָ דיא טעליגע געהט זיך גרינג:
דיא אלטע צייט טרייבט אָן גאנץ עהרליך;
א טשאקינדיקער קאָטשעריונג!

מיר פליהען ארויף אויף איהר פריהמאָרגען:
חאָטש באלד צוזעטץ דעם קאָפּ אויף דרייא;
מען איז ניט פויל, ניט דאָ קיין זאָרגען,
מיר שרייען נאָר: „קאטייא!"

צו מיטטאָג פעהלט קאָראזש, עס איז ביטטער:
ניט וועהרט דיא ביינער קיין פיעטאק;
בייא גריבער, בערג געהט דורך א ציטטער:
מיר שרייען שוין: „האלט אָן, דוראק!"

ער הערט אונז אָבער וויא דעם קאָטטער,
פארנאכט ווערט גרינגער: שוין ניט וויט;
מיר פאָהרען דרימעלדיק צום פאָטער:
דיא פערדליך טרייבט און טרייבט — דיא צייט!

דער אווטאָר פון דער איבערזעצונג האָט זײַן נאָמען פארשיפרירט מיט אויסיעס און נעקודעס: „מ-..מ-..ת"... לויט אונדזער אויספאָרשונג האָט זיך באקומען, אז דאָס דארף זײַן דער באוווסטער שריפטשטעלער, יוריסט און קלאל-טוער מענאשע מארגאָליס (מנשה מארגליות). שפּעטער האָבן מיר געפונען א באשטעטיקונג דערפון אין ז. רייזענס „פסעוודאָני־מען אין דער יידישער ליטעראטור" (ווילנע, 1939, ז. 28).

ווער זשע איז ער, אָט דער ערשטער איבערזעצער פון פושקינען אף יידיש?

מענאשע מארגאָליס איז געבוירן געוואָרן אין 1837 אין בערדי־טשעוו. דאָ האָט ער אין דער היגער קאזיאָנער שול באקומען זײַן ערשטע באקאנטשאפט מיט דער רוסישער שפראך און ליטעראטור. פון 1861 שטודירט ער יוריספּרודענץ אין קיעווער אוניווערסיטעט, וווהין ס'איז אים געלונגען ארײַנטרעטן אדאנק דער מיטהילף פונעם באוווסטן כירורג און פעדאגאָג נ. א. פּיראָגאָוו. מארגאָליס איז געווען א הייסער אָנהענגער פון דער רוסישער שפראך און האָט געוואָלט, אז די רוסישע יידן זאָלן אוועקוווארפן דעם „זשארגאָן". פונדעסטוועגן איז בא זײַן מיטווירקונג צום ערשטן מאָל אין רוסלאנד אָרגאניזירט געוואָרן אין קיעוו א קרײַז פון יידישע סטודענטן מיטן ציל צו „פארעפנטלעכן ביכער פאר דער יידישער מאסע און אינטעליגענץ". ז. רייזען שטעלט פעסט, אז נאָך אלס

סטודענט פון דעם קיִעווער אוניווערסיטעט האָט מ. מאַרגאָליס פּאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דעם „קול מבשר".

מ. מאַרגאָליס האָט אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם קיִעווער אוניווערסיטעט און זיך באַזעצט אין אָדעס, ניט אויפגעהערט צו מיטאַרבעטן אין יידישע אויסגאַבעס. אויסער די אָדעסער יידישע צייטונגען, טרעפן זיך זיינע אַרבעטן אין שאָלעם-אַלייכעמס „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", אין דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג אין רוסלאַנד „דער פריינד" און אין אַנד.

די ליד «Телега жизни» האָט פּושקין פאַרפאַסט אין 1823 און אָפּגעדרוקט זי צום ערשטן מאָל אין 1825 אין „מאָסקאָווסקי טעלעגראַף". לויט דער „פּושקיניאַנע", וועלכע ס'האָט צונויפגעשטעלט וו. אי. מעזשאָוו אין 1886, איז ביז אָט דעם יאָר באַוווּסט געווען בלויז איין-און-איינציקע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער ליד: אויף פראַנצויזיש אין יאָר 1874. אַגעוו, איז די העברעיִשע איבערזעצונג פון דער ליד דורך ד. פרישמאַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל שפּעטער, ערשט אין 1899.

אַזוי־אַרום, שטימט ניט מיט דערווירקלעכקייט דער אויבנדערמאָנטער טעזיס פון ב. סלוצקי, אַז אָ. שוואַרצמאַן און ד. האָפשטיין „האָבן די ערשטע אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע פּושקינס יאַמב". דאָס האָט אָפּגעטאָן אין 1863, דה. מיט פיל יאָרן פריִער, מענאַשע מאַרגאָליס[1].

[1] אין אָ. שוואַרצמאַנס „אַלע לידער" איז ניטאָ קיין איבערזעצונג פון פּושקינען. ב. סלוצקי ווייזט אָן, אַז ד. האָפשטיינען איז געלונגען אָפּצודרוקן זיין ערשטע גרעסערע איבערזעצונג פון פּושקינען „מאָצאַרט און סאַליערי" ערשט אין 1928, „אי דאָס אויך אַלס מוסטער אינעם לערנבוך „ליטעראַטורקענטעניש", וואָס ער און פּ. שאַמעס האָבן אַרויסגעגעבן", דאָרט איז אויך אָפּגעדרוקט זיין איבערזעצונג פון „אַנטשאַר". עס איז, אויסער דעם, באַוווּסט אַזאַ מערקווירדיקער פאַקט: ווען ד. האָפשטיין האָט אַלס סאָלדאַט געדינט אויף קאַווקאַז, האָט ער אין 1912 פאַרפאַסט אַ ליד, וועלכע איז, לויט מוישע כאַשטשעוואַצקיס אָפּשאַצונג, אין טאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן „אין דער ערשטער באַגעגעניש פון דער נייער יידישער דיכטונג מיט פּושקינען:

און ס'איז מיין פיין פאַר מיר דערמיט באַרעכטיקט,
און ס'איז דערפאַר מיין בענקשאַפט אָפּט מיר זיס:
עס האָט זיין קאָפּ דאָ אויף דעם באַרג גענעכטיקט,
עס האָבן אָט דעם באַרג באַטראָטן זיינע פיס.

די ליד איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1919 אין ד. האָפשטיינס זאַמלונג „ביי וועגן".

א שילער פונעם 7-טן קלאס פון דער ווילנער ראבאַנים-שול שלוי-מע מאנדעלקערן האָט אין 1866 פאַרעפנטלעכט אין ווילנע א ביכל אונטערן טיטל „חצים (לייען: כיצים) שנונים" — „שאַרפע פײַלן". דאָס ביכל אנטהאלט 75 סאטירעס און עפּיגראַמען, מערסטנטייל איבערזעצונ-גען. אין סאָף פונעם ביכל איז פאַראַן א בײַלאַגע, וועלכע באשטייט פון צוויי איבערזעצונגען: איינע — פון לערמאָנטאָווס „פּאַלעסטינישע צווײַגל", די צווייטע — פון פושקינס „א שפּאַנישער ראָמאַנס"[1]. אינעם פאָרוואָרט שרײַבט ש. מאנדעלקערן: „די מערהײַט שרײַבער פון אונדזער לאנד (געמיינט — די מערהײַט איבערזעצער אין העברעיִש פון ליטע) זעצן איבער אלטע און נײַע ביכער פון דײַטש. איך זשע האָב אויסגעוויילט לידער פון רוסישע דיכטער, אַנהייבנדיק פון לאָמאָנאָסאָוון און דערזשאַ-ווינען און ענדיקנדיק מיט נעקראַסאָוון און אָגאַריאָוון, אַנגערופן האָב איך די זאמלונג „שושנת הצפון" — „די צאָפנדיקע ליליע". צוויי פון זיי, אלס בײַשפּיל, ברענג איך דאָ".

די זאמלונג „שושנת הצפון" איז קיינמאָל ניט דערשינען. פושקינס „שפּאַנישער ראָמאַנס" איז גאַנץ פרײַ איבערגעזעצט, אַנהייבנדיק פונעם טיטל, וועלכער קלינגט אין דער איבערזעצונג „אהבת ציון". די איבער-זעצונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום צווייטן מאָל אינעם בוך פון דעם זעלבן אוטאָר: „שירי שפת עבר" („העברעיִשע לידער"), ערשטער באנד, לײַפּציג, 1882.

אין זעקסטן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל „הכרמל", דאטירט לויטן יידישן קאַלענדאַר דעם 3-טן טאָג אין כּוידעש עלול 626 יאָר (1886), זײַטל 128, איז אָפּגעדרוקט שלוימע מאנדעלקערנס א ליד „דרך כל הארץ" — „אזוי איז דער מינהעג פון גאַר דער וועלט" — מיט אַן אונ-טערקעפּל: „בעקבות פושקין הרוסטי" — „לויט די מאָטיוון (בוכשטעב-לעך: אין די פוסטריט) פון דעם רוסישן (דיכטער) פושקין".

דער מאָטיוו איז גענומען פון פושקינס „גאווריליאַדא".

דאָ מוז גלײַך געזאָגט ווערן, אז פושקין האָט פאַרפאַסט די פּאָעמע נאָך אין אַפּרעל 1821. פאַרעפנטלעכט געוואָרן איז זי אָבער — איבער צענזור-שטערונגען — ערשט אין פערציק יאָר אַרום אין א זאמלבוך, וועלכן ס'האָט אַרויסגעלאָזט אין לאָנדאָן אין 1861 דער באוווסטער

[1] די ערשטע איבערזעצונג אין פראנצויזיש — אין 1847, אין דײַטש — אין 1854, אין פּויליש — אין 1887.

רוסישער דיכטער, פּובליציסט און רעוואָליוציאָנערער טוער נ. פּ. אָגאַריאָוו. היינט קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר א געשמוגלטער „טרייפער ליטעראַטור" האָט זיך פאַרנומען דער טאַלמיד פון דער ווילנער ראַבאָנים-שול אין דער ערשטער העלפט פון די 1860-ער יאָרן!

שלוימע מאַנדעלקערן (1846—1902), א שרייבער, א געלערנטער, האָט געשריבן זיינע ווערק אין העברעיש, רוסיש, דייטש און יידיש. זיין הויפּט-ווערק איז די קאָנקאָרדאַנציע צום העברעישן און אַראַמעישן טעקסטן פונעם טאַנאַך. שפּעטער האָט זי געהאַט אייניקע אויסגעבעסערטע אויסגאַבעס. אָנהייבנדיק פון דעם יאָר 1866, האָט מאַנדעלקערן פאַרעפנטלעכט אין ווילנע זיין עפּישע פּאָעמע „בת שבע או שגיון לדוד", וואָס איז געבויט אף דער באַשרייבונג אין טאַנאַך ליבע פונעם מיילעך דאָוויד מיט דער שיינהייט באַס-שעוואַ, די איבערגעזעצטע פון דייטש היסטאָרישע דערציילונג אונטערן טיטל „עזרא הסופר" און זיין לידערבוך „חצים (לייען: „כיצים") שנונים". אין 1882—1901 זיינען אין לייפּציג דערשינען זיינע דריי לידער-זאַמלונגען, מערסטנטייל איבערזעצונגען (פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון, געטען, היינען, לאָנגפעלאָן און אַנדערע דיכטער). אין 1890 איז אין לייפּציג פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע אַן איבערזעצונג, באַגלייט מיטן ענגלישן אָריגינאַל, פון בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס" אונטערן טיטל „שירי ישרון". ער האָט איבערגעזעצט אויך פיל פון העברעיש און רוסיש אין אַנדערע שפּראַכן, ווי אויך פון אַנדערע שפּראַכן — אין רוסיש. אין יידיש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן איינע פון זיינע דערציילונגען: „תחית המתים" (טכיאַס האַמייסים", ווילנע, 1868).

אין 1873, אין 4-טן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל „השחר", האָט זיין רעדאַקטאָר פּערעץ סמאָלענסקין אָפּגעדרוקט דעם ראָמאַן „קבורת חמור" — „דאָס באַגרעבעניש פון אַן אייזל". דאָרט (זייטל 711) ווערט באַשריבן, וויאַזוי דער הויפּט-העלד הייבט אָן אף אויסווייניק, פאַר זיך זעלבסט, לייענען אף א קאָל פראַגמענטן פון פּושקינס און לערמאָנטאָווס לידער אין דער העברעישער איבערזעצונג — צו דריי שורעס פון יעדער ליד[1] פּושקינס „צי גיי איך אום אין גאַסן פולע".

די זעלבע שורעס פון דער איבערזעצונג זיינען אָפּגעדרוקט אין

[1] אף דעם האָט מיך אופמערקזאַם געמאַכט דער באַוווסטער איבערזעצער פון דער רוסישער קלאַסישער פּאָעזיע אין העברעיש א. אַהאַראָני, פאַר וואָס איך בין אים דאַנקבאַר.

אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון „קבורת חמור" אין איינצל-אויסגאַבעס (1874, 1880, 1883) און אין „כל ספרי פרץ סמאָלענסקין" — „אַלע ביכער פון פּערעץ סמאָלענסקין" (1910). ס'איז קעדײַ אויך צו באַמערקן, אַז אין רוסיש האָט זיך געדרוקט מ. קאַהאַנס אַן איבערזעצונג פון סמאָלענסקינס ווערק אין דער וואָכנשריפט „ראַסוועט" פאַרן 1881.

פּערעץ סמאָלענסקין איז געבוירן געוואָרן אין מאָנאַסטירשטשינע, מאָגיליאָווער גובערניע, ווײַסרוסלאַנד, אין 1840 (לויט אַנדערע קוועלן — אין 1842 צי אין 1844), געשטאָרבן אין מיראַן (דאַרעם-טיראָל) אין 1885. דעביוטירט מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ אין 1862 אין דער צײַטונג „המליץ"[1]. אין 1868 קומט ער קיין ווין, וווּ ער גרינדעט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „השחר"[2]. דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט די מערהייט זײַנע אַרטיקלען און דערציילונגען. זײַנע וויכטיקסטע ווערק: „הגמול" — „די באַלוינונג", אָדעס, 1867; „התועה בדרכי החיים" — „דער בלאָנדזשענדער אף די לעבנסוועגן", ווין 1868 — 1870; „קבורת חמור" — „אַ באַגרעבעניש פון אַן אייזל", צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „השחר" פאַרן יאָר 1873 און דערנאָך אויסגעהאַלטן עטלעכע אויסגאַבעס אין אַ בוך-פאָרם.

פּ. סמאָלענסקין אַלס איבערזעצער פון פּושקינס און לערמאָנטאָווס דיכטונג איז ביז איצט אין ערגעץ ניט געווען אָפּגעמערקט.

דער ערשטער בוך איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק אין העברעיִש איז דערשינען אין וואַרשע אין 1879 אָדער אין 1880 (די דאַטע איז אָנגעוויזן לויטן יידישן לוח: תר"ם) און אַנטהאַלט צוויי איבערזעצונגען פון פּושקינס ווערק. אהבה נכזבה" — „די פאַרשטויסענע ליבע" — אַזוי הייסט דער בוך. אַהער גייט אַרײַן אַ פרײַע איבערזעצונג אין ניט-געגראַמטע שורעס פונעם ערשטן בילד פון דער דראַמע „רוסאַלקאַ" (פּושקין האָט זי אָנגעשריבן אין די יאָרן 1829—1832, צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין 1837)[3]; די ליד „די באַרעמהאַרציקע מוטער" איז

[1] „המליץ" — געגרינדעט אין אָדעס אין אָקטיאַבער 1860 אַלס וואָכנבלאַט. פון יאַנוואַר 1871 דערשינען אין פּעטערבורג, פון 1886 ביז 1904 געווען אַ טעגלעכע צײַטונג.

[2] „השחר" — „זשורנאַל פאַר וויסנשאַפט, בילדונג און לעבן". דערשינען יערלעך צו 12 העפטן פון פינף דרוקבויגנס, האָט עקזיסטירט ביז 1884.

[3] די ערשטע פראַנצויזישע איבערזעצונג — 1847, דײַטשישע — 1855, אַרמעני-שע — 1902.

אן איבערזעצונג, אפן זעלבן אויפן, פונעם ראָמאנס „אָוונטציַיט, אין א רעגנדיקן אָסיען" (אָנגעשריבן אין 1814 און צום ערשטן מאָל פארעפנט-לעכט אין 1827)[1].

דער אוטאָר פון די איבערזעצונגען באהאלט אויס זײַן נאָמען אונ-טערן פסעוודאָנים „אחד מבעלי האספות" — „איינער פון די בעלי אס-פות". די דאָזיקע וואָרט-פארבינדונג איז פיקסירט בלויז איין מאָל אין טאנאך, און איר אייגנטימלעכער זין איז ניט פעסטגעשטעלט. די ווער-טערביכער לייגן פאָר פארשיידענע באטײַטן: „אוטאָרן", „געלערנטע", „זאמלער", „קאָמפּיליאטאָרן", „מעשאָלים-זאמלונגען". מיר זעצן באדינגד-לעך איבער דעם פסעוודאָנים „איינער פון די געלערנטע".

דער בוך איז א ביבליאָגראפישע זעלטנהײַט, רעכנט זיך ניט אפן באלאנס ניט אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק און ניט אין דער אלפארבאנדישער ביבליאָטעק אף וו. אי. לענינס נאָמען אין מאָסקווע. איין עקזעמפליאר פארמאָגט די אזויגערופענע „פרידליאנדיא-נע", וועלכע געהערט ביז היינט-צו-טאָג דעם לענינגראדער פיליאל פונעם אינסטיטוט פאר מיזרעך-קענטעניש פון דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פון פססר. אן אנדער עקזעמפליאר האָט געהערט דער ביבליאָטעק פון דער געוועזענער „געזעלשאפט פאר קעגנזײַטיקער מיטהילף פון די יידישע פריקאזטשיקעס אין אָדעס". ער איז אָנגעוויזן איןביידע פארעפנטלעכטע קאטאלאָגן פון דער געזעלשאפט אין דער אָפּטיילונג „העבראיקא" (אָדעס, 1890 און 1904). דער גורל פונעם עקזעמפליאר איז מיר ניט באקאנט. אזויארום, איז ניט אויסגעשלאָסן, אז דער עק-זעמפליאר פון דער „פרידליאנדיאנע" זאָל זײַן דער איין-און-איינציקער אין די ביבליאָטעקן פון סאָוועטנפארבאנד.

די אָנגאבן וועגן דער דאָזיקער אויסגאבע זײַנען אין דער ביבליאָ-גראפישער ליטעראטור, וואָלט איך זאָגן, ווידערשפרעכלעכע: סײַ די ארויסגאנגס-אָנגאבן — יאָר, צאָל זײַטלעך און פאָרמאט — און סײַ דער נאָמען פונעם איבערזעצער.

ווי באוווּסט, האָט ארום א העלפט פון דער „פרידליאנדיאנע" באשריבן שמועל ווינער (1860—1929), איינער פון די בעסטע העברעי-שע ביבליאָגראפן. זײַן קאטאלאָג איז אָנגערופן: „קהלת (זאמלונג פון. —

[1] אונדז זײַנען באוווּסט די אויסגאבעס פון די איבערזעצונגען אין דײַטש: 1877, 1885.

ל.וו.) משה אריה ליב פרידלאנד" און אין לאטייניש: „ביבליאָטעקא פרידליאנדיאנא", און זי נעמט ארום „אַלע העברעיִשע געדרוקטע ביכער און קסאוויאדן, וועלכע געפינען זיך אין דער פרידליאנד-זאמלונג פונעם „אזיאטישן מוזיי" (איצט דער אינסטיטוט פון מיזרעך-קענטעניש) פון דער וויסנשאַפט-אקאדעמיע אין סאנקט-פעטערבורג".

דעם דערמאָנטן עקזעמפליאר פון דער „פרידליאנדיאנע" האָט ש. ווינער באשריבן אַף אזא מין אויפן: „די פארשטויסענע ליבע. א פיעסע. בייגעלייגט צו איר איז „די ליד פון א ראכמאָנעסדיקער מוטער" פונעם בארימטן רוסישן דיכטער א. פושקין. פרייע איבערזעצונג פון „אחד מבעלי האספות" — מיט א האקדאָמע פון אן אומבאוווסטן איבערזעצער. ווארשע, אין דער טיפּאָגראפיע פון נ. שריפטגיבער, 1880".

וול. צייטלין, דער אוטאָר (אין דייטש) פון „ביבליאָגראפישעס האנדבוך דער נויהעברעיִשען ליטעראטור זייט בעגין דער מענדעלסאָנעשן[1] עפּאָכע ביז צום יאהרע 1890" (לייפּציג, 1891 — 1895), שרייבט, אז „אהבה נכזבה" איז אן איבערזעצונג פון כאים לאזאר מושקאט פון לוקאָוו[2]. דעם בוך באשרייבט ער אפן פאָלגנדן אויפן: „די הינטערגעגאנגענע ליבע, דראמאטישעס געדיכט פאָן א. פושקין. אויס דעם רוסישען אין העבר. פערזן באארבייטעט, ווארשע, 1879".

אין 1905 טרעט ארויס י. דאווידזאָן (1879 — 1939) — דער באַרימטער פאָרשער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע, אוטאָר פונעם „אוצר השירה והפיוט" — „דער אויצער פון דער העברעיִשער ליד און פּיוט", וועלכער אנטהאלט ביבליאָגראפישע אָנגאבן פון העכער 36.000 לידער און פּיוטים, פארפאסט פון 2.800 דיכטער, מיט אן ארטיקל אין ענגליש וועגן די פסעוודאָנימען אין דער העברעיִשער ליטעראטור („דזשויִש ענציקלאָפּעדיא", באנד 10, זייטלעך 256—261), אין וועלכן ער רופט אָן, שטיצנדיק זיך אַף וול. צייטלינס בוך, דעם „אחד מבעלי האספות" —

---

[1] מוישע מענדעלסאָן (1729—1786) — באוווסטער פילאָסאָף, בארימטער איבערזעצער פון א טייל ביכער פונעם טאנאך. זיינע ליטעראַרישע ארבעטן האָבן געשפילט א באשליסנדיקע ראָל אין דער אנטוויקלונג פון דער האסקאָלע־באוועגונג אין מיזרעך־אייראָפּע קימאט בעמעשעך פון גאנצע הונדערט יאָר.

[2] מושקאט כאיִם לאזאר (עליִעזער, 1851—1916), געוואנדערט איבער פארשיידענע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאנד, ליטע און פוילן, געשריבן און זיך געדרוקט אין העברעיִש, פארעפנטלעכט א פייסעכדיקע האגאָדע מיט קאָמענטארן און מיט אן ארייִנפיר, ווי אויך מיט אן איבערזעצונג אין יידיש.

ב. ל. מושקאטן. בא דער זעלבער מיינונג האלט זיך אויך ש. לאכאָווער, דער שוין דערמאָנטער אווטאָר פון דער ביבליאָגראַפיע פון פושקינס איבערזעצונגען אין העברעיִש.

אין קעגנזאַץ צו מושקאטן ווערט אין דער ליטעראַטור אויך אָנגערופן אן אנדער פערזענלעכקייט. דער זעלבער צייטלין האָט זיך מיט דער צייט אָפּגעזאָגט פון זיין פריערדיקער השערה. אין אן ארטיקל אין דייטש „אנאַגראַממע, איניטיאַלען אונד פסעוודאָנימא נויהעברעיִשער שריפטשטעלער אונד פובליציסטען" (אין „צייטשריפט פיר העברעיִשער ביבליאָגראפיע", פראַנקפורט-אַפּן-מיין. 1905, באנד 9, ז. 81—90, 113—116) אידענטיפיצירט ער דעם „אחד מבעלי האספות" מיט גאַוו-ריעל ליכטענפעלדן (1811—1887) — א באַוווסטער מאַטעמאַטיקער, דער שווער פון י.-ל. פּערעץ.

פרידבערג כ. ד. (1876 — 1961), אווטאָר פון פיל ווערק אף די געביטן פון ביבליאָגראפיע, גענעאלאָגיע און געשיכטע, האָט אין זיין ביבליאָגראפישן לעקסיקאָן אידענטיפיצירט דעם איבערזעצער אלס ג. י. ליכטענפעלד. דער באַוווסטער ביבליאָגראַף פון דער ווינער קע-הילע, פון איר ארכיוו שאָול כייעס (1884 — 1935) האָט אין זיין בוך „אוצר בדווי השם" — „דער אויצער פון די אויסגעטראכטע נעמען" (אין דייטש געטיטלט: „פסעוודאָנימען — לעקסיקאָן דער העברעיִשען אונד יִדישען ליטעראַטור"), ווין, 1933, ז. 21, אָנגעוויזן ביידע נעמען: אונטערן נומער 317: „אחד מבעלי האספות" — ג. י. ליכטענפעלד, און אונטערן נומער 318: „אחד מבעלי האספות" — כ. ל. מושקאט. א ניט באַהאווגטער לייענער קאָן בעעמעס נישטוימעם ווערן, עס האנדלט זיך דאָך וועגן אן איין-און-איינציקן פסעוודאָנים, וועלכער איז פאראן אין דער ליטעראַטור בלויז איין מאָל אין „אהבה נכזבה" און מער אין ערגעץ ניט.

פון דעם ערשטן אויגנבליק דוכט זיך גאַנץ איבערצייגנדיק, אז ג. י. ליכטענפעלד איז טאקע דער „אחד (איינער פון די) מבעלי האספות". אין 1877 איז אין ווארשע פארעפנטלעכט געוואָרן א בוך „ספורים בשיר ושירים שונים" — „געגראַמטע דערציילונגען און פארשיידענע לידער" — מיט אן אונטערקעפל: „מאת שני בעלי אסופות", דה. פון צוויי „בעלי האספות". ווער די ביידע זיינען, איז איצט גאַנץ גוט באַוווּסט. אין א בריוו פון 4 יול 1888 האָט י.-ל. פּערעץ געשריבן שאָלעם-אליכעמען: „איך בין דער איינער פון די צוויי „בעלי האספות"... און דער צווייטער

איז געווען ליכטענפעלד („מאזנים" — 1929, נימער 7, בל. 16). העיויס אין דריי יאָר ארום נאָך דער פארעפנטלעכונג פון די „געגראַמטע דער־ציילונגען און פארשיידענע לידער" באַווייזט זיך אויך אין ווארשע א בוך פון „איינעם פון די „בעלי האסופות", און אז דאָס איז ניט י.-ל. פּערעץ, איז באַוווּסט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, בלייבט, קומט אויס, די אידענ־טיפיצירונג פון ליכטענפעלדן קימאַט אַלס א זעלבסטפארשטענדלעכע.

לאָמיר אָבער זיך ניט איילן מיט אויספירן, אינעם אָפּגעדרוקטן מי־צאד כ.-י. בראַנשטיינען נעקראָלאָג, געווידמעט דעם אָנדענק פון ג. י. ליכטענפעלדן, זיין געוועזענעם גוטן-פריינט בעמעשעך פון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט „די פארשטויסענע ליבע". נאָך מער, אינעם נעקראָלאָג איז אָנגעוויזן, אז ליכטענפעלד האָט געקענט פּערפעקט העברעיִש און די שפּראַך פון די טאַלמודים (געמיינט אראַמעיִש), לאַטיין, דייטש, פראנצויזיש און פּויליש, און עס ווערט אויך באַמערקט, אז די רוסישע שפּראַך איז אים געווען אויסטערליש, פרעמד („שפת רוסיא מוזרה היתה לו" — אין זאַמלבוך „קנעסעס ייִסראָעל", ווארשע, 1887, 2-טער יאָרגאַנג, שפּאַלטן 356—368).

נאָך איין וויכטיקער מאָמענט. דער סטיל פון „דער פארשטויסענער ליבע", אַן איבערזעצונג פון א העכסט פּאָעטיש ווערק אין ניט געגראַמ־טע פּערזן, איז אַן און פאר זיך קאַפּויר אין פארגלייך מיט „געגראַמטע דערציילונגען".

אזויארום, מוז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן ווערן אויך די האַשאָרע, אז דער פארפאַסער פון דער „פארשטויסענער ליבע" זאָל זיין ג. י. ליכ־טענפעלד. ניט אומזיסט האָט דער בעסטער קענער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור פון די לעצטע דריי יאָרהונדערטן ג. קרעסעל אין זיין „לעק־סיקאָן" ניט געפונען פאר נייטיק צו דערמאָנען די „פארשטויסענע ליבע" אינעם אַרטיקל וועגן ג. י. ליכטענפעלדן, און אינעם אַרטיקל וועגן כ. ל. מושקאַטן איז ער יויצע געווען, שטיצנדיק זיך אף וול. צייטלינס ערשטער אַרבעט.

און אויב ניט כ. ל. מושקאַט און ניט ג. י. ליכטענפעלד, איז ווער?

קעדיי צו געפינען א שליסל צום אווטאָר פון דער „פארשטויסענער ליבע", פאָדערט זיך א צוגאָב-פאָרשונג: ווער נאָך, אויסער די דערמאָנטע י.-ל. פּערעץ און ג. י. ליכטענפעלד, האָט זיך אין יענע צייטן באַנוצט מיטן אויסדרוק „בעלי האספות"? ס'איז באַוווּסט, אז מיטן „בעלי האס־

פּות" באַנוצן זיך אויך י.-ל. גאָרדאָן (1830—1892) און לעאָן מאַנדעלשטאַם. אַז י.-ל. גאָרדאָן האָט ניט צו טאָן מיט דער „פּאַרשטויסענער ליבע", קאָן מען זיך איבערצײַגן פון דעם, וואָס אין איר זײַנען אויסגעמיטן גראַמען, און דאָס איז אין קעגנזאַץ צום סטיל פונעם אַזויגערופענעם „ארי המשוררים" — „דעם לייב צווישן די דיכטער" פון 19-טן יה.

אַז ל. מאַנדעלשטאַם האָט זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק „בעלי האספות", האָבן מיר באַמערקט בא דער פאָלגנדער געלעגנהײַט. דער געוועזענער ביבליאָטעקער פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק און באַרימטער געלערנטער א. ע. האַרקאַווי (1835—1919) האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּראָספּעקט, וועלכער האָט שוין געטראָגן אויף זיך די דערלויבעניש פון דער צענזור פונעם 30 אַפּרעל 1846 וועגן דעם, אַז לעאָן מאַנדעלשטאַם זאָל אַרויסגעבן אַ יידעש-זשורנאַל. דער אינהאַלט פונעם זשורנאַל האָט געזאָלט זײַן — אַרויסזאָגונגען וועגן טוירע און העפלעכקײַט פון די „בעלי האספות" (געלערנטע). לעאָן מאַנדעלשטאַם אַלס אַוטאָר פון „אהבה נכזבה" איז אין ערגעץ ניט אָנגעוויזן. מיר דערמאָנען דאָ אויך זײַן נאָמען דערווײַל אַלס אַ גאַנץ מעגלעכן.

אין א. ראָזענפעלדס לייענבוך „גן שעשועים" — „פאַרווײַלונגסגאָרטן", וועלכער איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין וואַרשע אין 1880, איז אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון די ערשטע 8 שורעס פון פּושקינס ליד „ווינטער-אָוונט" (אָנגעשריבן אין 1825 און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין 1829) אונטערן טיטל „סערת סתיו" — „ווינטערדיקער (אייגנטלעך: האַרבסטיקער) שטורעם". די ערשטע אויסגאַבעס פון 1880 איז אין קיין שום פון די דערמאָנטע פּושקינס לידער אויף העברעיִש ניט אָנגעוויזן, האַגאַם די דאָזיקע איבערזעצונג איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון „גן שעשועים". אונדז זײַנען געווען צוגענגלעך די אויסגאַבעס, וועלכע געפינען זיך אין די לענינגראַדער ביבליאָטעקן (פאַר די יאָרן 1890, 1893, 1896, 1899, 1904, 1911). אַזויאַרום, איז „סערת סתיו" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער פּאָפּולערסטער איבערזעצונג פון פּושקינס אַ ליד בעמעשעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער.

אַרן ראָזענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין בריסק־(ברעסט)-לעווע, וואָלינער גובערניע, אין 1846, געשטאָרבן אין נאַכמוט אין 1916. אין די יאָרן

1872—1864 זיך געלערנט אין דער זשיטאָמירער ראבאַנים-שול און אין 1875—1876 — אין דעם פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. פונעם צווייטן קורס איז ער, איבער מאנגל אין געלט, געצוווּנגען געווען איבעררײַסן די לער. דעמלט טאקע האָט ער צונויפגעשטעלט די זאמלונג לידער, דערציילונגען און מעשאָלים „גן שעשועים" (ווי א לערנביכל אין העברעיִש), וואָס איז דערשינען אין ווארשע אין 1880. אין 1890 האָט א. ראָזענפעלד פארעפנטלעכט א 2-טע אויסגעבעסערטע און באדײַטנדיק פארגרעסערטע אויסגאבע פון זײַן „גן שעשועים" אין 2 טיילן, אהער איז ארײַן נאָך איין איבערזעצונג פון פּושקינס א ליד — „אָסיען" אונטערן נאָמען „שירת בציר", וואָס הייסט, אייגנטלעך, „די ליד פון צײַט פון אראָפּנעמען ווײַנטרויבן".

דאָס אלץ, וואָס אונדז איז געלונגען ביז איצט צו אנטפלעקן אין די לענינגראדער ביבליאָטעקן (פארן פעריאָד 1847 — 1880, אף העברעיִש און יידיש), האָט אן אומדירעקטע שײַכעס צו דער פּושקי-ניאנע בא יידן. מיר קומען צו דער מאסקאָנע, אז מענטשן, וועלכע האָבן פארשטאנען ביידע שפּראכן, האָבן געהאט א מעגלעכקייט זיך באקאנען מיט אייניקע מוסטערן פון פּושקינס רײַכער פּאָעזיע.

ס'איז באוווּסט פּושקינס אפאָריזם: „די איבערזעצער זײַנען די „פּאָטשטאָווע פערד" פון דער בילדונג". אף די מאטעריאלן פון דער העברעיִשער און יידישער שפּראך און ליטעראטור קאָן מען זיך לײַכט איבערצײַגן, וואָס פאר א גיגאנטישע טריט עס האָט דורכגעמאכט די „פּאָטשט-טעכניק" אין די לעצטע 150 יאָר. ס'איז גענוג צו פארגלײַכן דעם באשיידענעם אָנהייב פון די איבערזעצונגען פון פּושקינען, וועגן וועלכע מיר האָבן דאָ געשריבן, מיט דעם בילד, וואָס ווערט, לעמאָשל, געבראכט אין דער דערמאָנטער ביבליאָגראפיע פון א. פינקעלשטיין — „א. ס. פּושקינס ווערק, דערשינענע אין יידיש". דער אווטאָר האָט גע-האט פולע רעכט, ווען ער האָט זי באצייכנט אלס ניט קיין פולקומע. מיר קאָנען עס באשטעטיקן אפן סמאך פון דער אייגענער דערפארונג. אין שײַכעס מיטן פעריאָד פון 1936 ביז 1940 האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אף פאָלגנדע אויסגאבעס אין א בוכפאָרם (ניט רעכענענדיק די פעריאָ-דישע), וועלכע זײַנען אין פינקעלשטיינס ביבליאָגראפיע ניט דערמאָנט:

„דעם קאפּיטאנס טאָכטער" (דערציילונג). יידיש — ה. אָרלאנד, קיִעוו—כארקאָוו, 1936, 190 זײַטן.

„שאָס“ (דערציילונג). קיִעוו, 1936. 32 זײַטן (קינסטלערישע מאסן-ביבליִאָטעק, נומ. 3). דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן.

„בעלקינס דערציילונגען“ (איבערגעזעצט ד. רויכל, ד. האָפשטיין), ווארשע, 1937. מיט א פאָרוואָרט פון א. האָלדעס: „פושקינס פּראָזע“. 97 זײַטן.

„דער סטאנציע-אויפזעער“ (דערציילונג), קיִעוו, 1937 (קינסטלערי-שע מאסן-ביבליִאָטעק. נומער 7), דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן.

„דעם קאפּיטאנס טאָכטער“ (יִידיש — ה. אָרלאנד), 2-טע אויפלאגע. קיִעוו, 1937, 190 זײַטן.

פון פושקינס ליריק (איבערדיכטונגען פון קאלמען ליס), ווארשע, 1937 — 1938, 47 זײַטן (אויסגאבע „שריפטן“, נומ. 1).

ליריק און עפּיגראמען. קיִעוו, 1938, 148 ז. מיט אן ארײַנפיר פון ד. האָפשטיין. דער בוך אנטהאלט 73 איבערזעצונגען פון פושקינס לידער אויסער עפּיגראמען און „מאָראלישע פערזן“.

„די געשיכטע פון דעם דאָרף גאָריוכינאָ“ (יִידיש — ל. רעזניק), קיִעוו, 1937, 40 זײַטן (קינסטלערישע מאסן-ביבליִאָטעק נומ. 14).

„א זאווערוכע“ (יִידיש — ד. האָפשטיין), מאָסקווע, „דער עמעס“, 1939, 24 זײַטן.

סאטירע (יִידיש — ה. אָרלאנד), קיִעוו, 1940, 284 ז. אינהאלט: עפּיגראמען און סאטירישע לידער. — פראגמענטן. — קאָלעקטיווס. — סאטירישע פּאָעמעס און מײַסעס. — קאָמענטארן.

דער פארנעם פון די איבערזעצונגען פון פושקינען אף העברעיִש שטייט, ווי זעט אויס, אויך ניט אָפּ פונעם פארנעם אף יִידיש. א ראיה: אין העברעיִשן קאטאלאָג אפן יאָר 1979 זײַנען אויסגערעכנט פאָלגנדע איבערזעצונגען פון פושקינס ווערק אין א בוכפאָרם: באָריס גאָדונאָוו. — דובראָווסקי. — דער קארגער ריטער. — דער נעגער פון פּיאָטער דעם גרויסן. — די דאמע פּיק. — קליינע טראגעדיעס. — אלע פושקינס מײַ-סעלעך. — אויסדערוויילטע לירישע לידער. — ראָמאנען און דערציילונ-גען. — פושקינס פּאָעזיע. — דרײַ פּאָעמעס. — א מײַסע מיט א גילדן הענדעלע („קטלוג הספרים הכללי“ — „אלגעמיינער ביכער-קאטאלאָג“, 1979, יערושאלאיִם, 1979, ז. 20).

דער פּראָצעס פון איבערזעצן פושקינען אין יִידיש און העברעיִש דויערט.

מ. פלונגיאן און זײַן איבערזעצונג פון פושקינס ליד

אין פּראָצעס פון באַאַרבעטן דעם פּירקאָוויטש-אַרכיוו האָט דער געלערנטער וו. לעבעדיעוו זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט — אַ בריוו פון מ. פלונגיאַן, אין וועלכן ס'איז געבראַכט אַן איבערזעצונג פון אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקינס אַ ליד אין העברעיִש.

דער בריוו וואַרפט אַ שײַן אויף אַ ווייניק אויסגעפאָרשטן צײַט-אָפּשניט פונעם לעבן און פון דער צוזאַמענאַרבעט צווישן ייִדן און קאַראַימער אין 19-טן יה. אין רוסלאַנד, אַנטפּלעקט אַ רײ פּראָבלעמען פון זייער דעמאָלטיקן מאַטעריעלן און קולטורעלן לעבן.

אָט איז דער דאָזיקער בריוו אין דער איבערזעצונג פון העברעיִש.

„מיט גאָטס הילף! זונטיק דעם 23 מענאַכעם אָוו, אין יאָר 616 לויט דער געקירצטער ייִדישער צײַט-רעכענונג.

ברידער פון די קינדער פון מײַן פאָלק, פרײַנט מײַנע און מיט-העלפער, גוטהאַרציקע און אָרנטלעכע, איבערגעגעבענע צו גאָט און זײַן טוירע: באַוווּסטער מיטן עפּיטעט „אבן פינה רש"ף" — „פינקלדיקער ווינקלשטיין", און דער צווייטער, וואָס איז בײַ מיר טײַערער פון אַלע ווערטן, גאַווריִעל פּירקאָוויטש — זאָל זייער שײַן לויכטן!

זינט מיר האָבן זיך פאַרקניפּט מיט אַ ליבשאַפט-בונד, האָב איך באַמערקט, אַז דער בונד שטאַרקט און פעסטיקט זיך פון טאָג צו טאָג. איך בין איבערצײַגט, אַז ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועט ער מיט דער צײַט נאָך פעסטער פאַרקרעפטיקט ווערן. אָט אַזוי טראַכט איך. דערפאַר האָף איך, אַז איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן אויך אין דעם פאַל.

איר האָט מיך צוגערעדט צו שיקן מײַן בוך „בן פורת" צו דער רעגירונג. איך, נאַיִוו ווי אַ טויב, האָב לײַכטזיניק נאָכגעפאָלגט אײַער אייצע. איצט גייען אויס מײַנע אויגן פון טאָגטעגלעכן דערוואַרטן אַ טשוווע פון דער רעגירונג. נאָר די טשוווע קומט ניט אָן, כאָטש זי איז

מײַן איין-און-איינציקע האָפֿענונג. ווײַל פֿון טאָג צו טאָג צעבליט און צעוואַקסט זיך אַ דאָרן-קוסט אין מײַן הויז און אין מײַן האַרץ. דער אָל פֿון נויט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַכטן, זיך אַרופֿגעצויגן אױף מײַן האַלדז און אָפּגעשוואַכט מײַנע קויכעס. מײַנע אויגן הערן ניט אויף צו זען, ווי מײַן האָרעוואַניע גייט לעיבעד. דער שווייס, וואָס רינט פֿון מײַן פּאָנעם, פֿאַלט אַראָפּ אױף אַ פֿאַרוויסטן, ניט קיין פֿאַרזייטן באָדן. זײַט אַזוי גוט און ווענדט זיך צום מיניסטער, ער זאָל וואָס גיכער מיר שיקן אַן ענטפֿער. איר וועט צוגעבן אַ טרייסט מײַן האַרץ, אויפֿוועקן אַ גײַסט פֿון האָפֿענונג, ווען איר וועט אַ רעד טאָן מיט אים, ער זאָל מיר געבן אַ געשאַנק פֿאַרן דאָזיקן בוך. בעט אים אויך, ער זאָל מיך אויפֿהייבן פֿון מײַן נידעריקער לאַגע פֿונעם „ערשטן ראַזריאַד“, וואָס זעטיקט מיך אָן מיט כאַרפּע און ביזאָיען, אונטערדריקונג און נויט, צום ראַבינער-סעמינאַר, אָדער צו אַן אַנדער הויכער שטעלע, וואָס זאָל פֿאַרמערן מײַן קאָוועד און פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון מײַן מישפּאָכע. האַלעוויי זאָלן אײַערע רייד געבן גוטע רעזולטאַטן און אַ דערפֿאָלג אײַך און אײַערע הענט, קעדיי די טויווע און דעם גרויסן גנאָד, וואָס איר וועט טאָן פֿאַר מײַנטוועגן, זאָל זײַן ווי אַ זיגל אױף מײַן האַרץ און אַן אָפּצייכן אױף מײַן האַנט. און וויפֿל איך וועל זײַן אױף דער וועלט, וועל איך רימען דעם נאָמען פֿון מײַנע פֿרײַנט און מיטהעלפֿער. זײַט זשע אַזוי גוט און שיקט מיר אײַער ענטפֿער, און דערמיט וועט איר דערקוויקן דאָס פֿאַרשמאַכטע האַרץ פֿון מאָרדכע פֿלונגיאַן.

איר האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז די שטעלע אינעם זשורנאַל וועט איבערגעגעבן ווערן מיר. און איצט לייגט אַרױף דער הער פֿין די דאָזיקע שטעלע אױף זײַנע פּלייצעס, און מיך האָט ער אַוועקגעזעצט אין דער פֿינצטערניש. אָפּגעשטופּט מיך אין אַ זײַט פֿון מײַן האָפֿענונג און לאַגע. עפּשער זײַט איר בעקויעך דאָרטן פֿאַריכטן, אַז מע זאָל די שטעלע אַרופֿלייגן אונדז ביידן אױף די פּלייצעס. דאַן וועל איך, ווי אַ געטרײַער און זיכערער מאַן, וועלכער ווייסט, ווי אַזוי צו האַנדלען אין גײַסט פֿון דער רעגירונג, ווערן פֿינס אַ שוטעף אין דער דאָזיקער אַרבעט. דערמיט וועט איר מיר טאָן אַ טויווע און אויפֿטאָן אַ צווייפֿאַכיקע גנאָד מיט דער נעשאָמע פֿון דעם, וואָס ליבט אײַך מיטן גאַנצן האַרצן.

מאָרדכע פֿלונגיאַן.

די דאָזיקע ליד פון פּושקינען האָב איך איבערגעזעצט, ווײַל זי שטימט געהעריק און איז נאָענט מײַן הארץ, וואָס לעכצט אײַך צו זען.

צו עלף וואַקאַלן אין א שורע, ניט רעכענענדיק דעם צייכן „שווא" (צוויי פּינטעלעך אונטער אן אָס, געשריבענע אין א ווערטיקאַלן אויפן). און דאָ ווערט אַנגעגעבן רעכטס די העברעיִשע איבערזעצונג, און לינקס — דער רוסישער אָריגינאַל".

קאָמענטארן און אויספירן

מ. פלונגיאַן און זײַן פאָרגייער דער „בן פורת"

מענאשע בען יאָסעף איליִער (1767—1831), וועלכער איז אויך באוווּסט אין דער ליטעראַטור מיטן בײַנאָמען „בן פורת" (בען פּאָראַט) — איז איינער פון די בעסטע קענער אין זײַן צײַט פון דער מיטלאַלטערלעכער פילאָסאָפיע, מאַטעמאַטיק און אסטראָנאָמיע. ער איז געווען אויך באַהאַוונט אין פיזיק, מעכאַניק און אין אנדערע וויסנשאַפטן, האָט געקענט דײַטש און פּויליש. איליִער איז ארויסגעטראָטן מיט אן אידיי, אז די געמאָרע און די שפּעטערדיקע מעפאַרשים פון דער מישנע זײַנען אָפּגעטראָטן פונעם דירעקטן זין פון איר טעקסט. אין זײַנע ביכער האָט ער קריטיקירט דאָגמעס פון די ראַבאָנים. זײַן בוך „אלפי מנשה" (מענאַשעס מישפּאָכע) האָט ארויסגערופן א בייזן שטורעם קעגן אים מיצאַד די ראַבאָנישע קרײַזן. מע האָט ניט איין מאָל געדראָעט דעם בוך פאַרברענען.

י. צינבערג שטעלט מיט רעכט אין זײַן „געשיכטע פון דער ליטעראַטור בא ייִדן" מ. איליִערן אין איין ריי מיט די גרעסטע דענקער פון זײַן דאָר. אָט ווי ער באשרײַבט די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער ייִדישער קולטור אין העברעיִש אין די 20-ער יאָרן פון XIX יה.: „אין דײַטשלאַנד האָבן דײַטשישע געלערנטע מיטן יונגן לעאָפּאָלד צונץ בעראָש זיך פארמאָסטן צו שטעלן א מאַציייווע דעם פאַרגאַנגענעם ייִדנטום, אונטערצוציִען דעם סאַכאַקל פון אַלץ, וואָס דער ייִדישער קיבוץ האָט געשאַפן אָפן געביט פון גײַסט און געדאַנק אין מעשעך פון זײַנע טויזנטיאָריקע וואַנדערונגען. אין עסטרײַך האָט דער דיכטער שאָלעםקויהען געגרינדעט די צײַטשריפט „בכורי העתים" (ערשטלינגען פון דער

צייַט. — ל.ו.)... דאָ האָבן דעם פאָדערגרונט פאַרנומען אזעלכע דענקער און פאָרשער, ווי נאכמען קראָכמאל, שלוימע ראפאָפּאָרט און שמועל-דאָוויד לוצאטאָ, און אזא סאטיריקער, ווי ערטער. צו דער זעלבער צייַט טרעטן ארויס יִצכאָק-בער לעווינזאָן מיט זייַן „תעודה בישראל" („אָן אופגאבע בא ייִדן". — ל.ו.) און מענאשע איליִער מיט זייַן „אלפי מנשה" און לייגן די גרונטשטיינער פון דער האסקאָלע-ליטעראטור אין רוסלאנד"... (י. צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן, 7 באנד, 2 בוך, ווילנע, ז. 312).

מ. איליִערס נאָכפאָלגער איז געווען דער באוווּסטער מאסקיל מאָרדכע פלונגיאַן (1814—1883) — איינער פון די בעסטע קענער אין זייַן צייַט פון העברעיִש, אראמעיִש און אויך ייִדיש, אווטאָר פון עטלעכע ביכער אין העברעיִש. ער איז געווען אַן איבערזעצער פון העברעיִש אין ייִדיש און אווטאָר פון א ביכל אין ייִדיש וועגן ווארעמבעדער. „בן פורת" איז זייַן בעסט ווערק. אין דער מאָנאָגראפיע באשרייַבט ער דאָס לעבן און שאפן פון מענאשע איליִערן, פּראָפּאגאנדירט און אנטוויקלט ווייַטער מ. איליִערס אָנשויוּנגען, ארויסטרעטנדיק קעגן די באאליי-האטאלמוד און די ראבאָנים. „בן פורת" האָט ארויסגערופן א שטורעם פון סינע צום אווטאָר. „איינמאָל האָט ער שיר ניט באצאָלט מיטן לעבן פאר זייַן „בן פורת", — טיילט מיט ז. רייזען. — א האמוין פינצטערע פאנאטיקער איז אים באפאלן אין בעסמעדרעש פּורים צו דער מעגילע מיט געשרייען: „שלאָגט מאָרדכען צוזאמען מיט האָמאָנען!". און נאָר אדאנק דער הילף פון עטלעכע יונגעלייַט איז ער ניצל געוואָרן" (ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראטור, „פּרעסע און פילאָלאָגיע", 2 באנד, ווילנע, 1927, שפאלטן 913, 914).

מ. פלונגיאַן האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם דרוק-וועזן אין דער בעסטער דעמלטיקער ייִדישער טיפּאָגראפיע אין רוסלאנד, אין דער ווילנער ראָם-טיפּאָגראפיע, וווּ ער האָט געדינט אלס הויפּט-קאָרעקטאָר בעמעשעך פון זייַנע לעצטע 13 יאָר. די גרעסטע אווטאָריטעטן בא ייִדן אין יענע צייַטן, וועלכע האָבן געדרוקט זייערע ווערק אין דער דאָזיקער טיפּאָגראפיע, האָבן מיט היספּייַלעס גערעדט וועגן פלונגיאַנס באהאוונטקייַט אין די ליטערארישע קוואלן.

פלונגיאַן רופט אָן זײַנע אדרעסאטן: „אבן פינה רש"ף און גבריאל פירקאָוויטש".

מיטן פסעוודאָנים „אבן רש"ף" פלעגט זיך אונטערשרײַבן אווראאם בען שמועל פירקאָוויטש. וועגן אים ביכלאל, וועגן זײַן קרויוועשאפט צו די מאכט-אָרגאנען אין רוסלאנד, זײַנע אויסטערלישע זאמלונגען פון קסאוויאדן און אנדערע זעלטנהײַטן, די מערהײַט פון וועלכע געפינען זיך אין דער לענינגראדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, איז פאראן א גרויסע ליטעראטור. אף דער דאָזיקער טעמע האָבן געשריבן כאַים יאָנא גורלאנד (1841—1890), וועלכער האָט פארענדיקט די אָפטיילונג פון מיזרעך-שפראכן פון דעם פעטערבורגער אוניווערסיטעט, זײַן לערער דאניעל כוואָלסאָן (1819—1911), דער פראָפעסאָר פונעם אוניווערסיטעט און פון דער גײַסטלעכער אקאדעמיע אין פעטערבורג, עפראַים דיינארד (1846—1930), דער אוטאָר פון „תולדות אבן רש"ף" („די ביאָגראפיע פון פירקאָוויטשן"), וועלכע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין ווארשע אין 1875, דער דײַטשישער געלערנטער הערמאן לעברעכט שטראק (1848—1922), דער באוווסטער ביבליאָטעקער פון דער אָפטיילונג פון די מיזרעך-שפראכן אין דער פעטערבורגער ביבליאָטעק, אוטאָר פון הונדערטער פאָרשונגען אווראאם עליאָהו הארקאווי (1835—1919) און אנדערע. וועגן א. פירקאָוויטשן און זײַנע זאמלונגען האָט אויך ניט איין מאָל געשריבן „סאָוועטיש היימלאנד".

מ. פלונגיאַן גיט צו אין זײַן ווענדונג צו א. פירקאָוויטשן צו זײַן פסעוודאָנים איין וואָרט, און עס באקומט זיך: „אבן פינה רש"ף" — „דער פינקלדיקער ווינקלשטיין".

„אבן פינה" איז אנטליען פונעם טאנאך, ווו עס ווערט געזאָגט: „דער שטיין, וועלכן די בויער האָבן פאראכטעט, איז געוואָרן דער וויכטיקסטער ווינקלשטיין" (טהילים 118, פאָסעק 22). מיטן טיטל „אבן פינה רש"ף" וויל מ. פלונגיאַן אונטערשטרײַכן דעם איבעראשנדיקן אופשטײַג פון פירקאָוויטשן אפן געזעלשאפטלעכן לייטער.

פלונגיאַנס צווייטער אדרעסאט איז געווריעל בען סימכא פירקאָוויטש, וועלכער האָט כאסענע געהאט מיט אווראאם פירקאָוויטשעס א

טאָכטער. לויט דעם, ווי עס באַווייַזן אַרכיוו-מאַטעריאַלן פון די פירקאָ-
וויטשעס, האָבן זיי געלעבט אין טראָקי (איצט: טראַקיי) און אין ווילנע
אין די יאָרן 1854—1855, און דערנאָך אין פעטערבורג ביזן יאָר 1863,
ווען אווראַאַם און גאַווריִעל פירקאָוויטש האָבן צוזאַמען זיך געלאָזט אין
אַ רייַזע אין די מיזרעך-לענדער און מיטגעבראַכט מיט זיך צוריק די
באַרימטע „צווייטע זאַמלונג". זי באַשטייט פון טויזנטער בלעטער אויף
פאַפיר און פאַרמעט, פון קסאַוויאַדן און אַנדערע אַלטערטימלעכקייַטן,
וועלכע געפינען זיך ביז הייַנט-צו-טאָג אין צענטער פון דער שעמישער
וויסנשאַפט. ניט אומזיסט האָט זיך זייער זאַמלונג, ביז גאַווריִעל פיר-
קאָוויטשעס טויט, אָנגערופן „די זאַמלונג פון די פירקאָוויטשעס". גאַוו-
ריִעל פירקאָוויטש האָט געשריבן אין אַ פייַנעם העברעיִש און באַהערשט
אויך רוסיש. זייַן מאַניר צו שרייַבן אין די ביידע שפּראַכן איז אַ גאַנץ
קלאָרע. אייניקע קאָפּיעס, וועלכע געפינען זיך אין דער פירקאָוויטש-
זאַמלונג, זייַנען געמאַכט געוואָרן דורך גאַווריִעל פירקאָוויטשן. די אַר-
כיוו-מאַטעריאַלן באַשטעטיקן, אַז גאַווריִעל פירקאָוויטש האָט נאָך גע-
לעבט אין יאָר 1866, אָבער ער איז, ווי עס ווייַזט אויס, אינגיכן גע-
שטאָרבן.

קעדיי בעסער צו פאַרשטיין פלונגיִאַנס בריוו, איז וויכטיק באַמערקן,
אַז אין דער דאָזיקער צייַט זייַנען די פירקאָוויטשעס געווען גאָר „קאַרעוו
לעמאַלכעס". זיי האָבן געלעבט אין דער הויפּטשטאָט פעטערבורג.

„האַדוין פין" — דער הער פין

שמועל-יויסעף פין (1818—1890) איז געווען אַ ביבליאָגראַף,
לעקסיקאָגראַף און היסטאָריקער, איינער פון די אַקטיווע מאַסקילים. פון
1847 ביזן 1856 האָט ער געדינט אַלס לערער אין דער ראַבינער-שול
אין ווילנע. פון 1856 און שפּעטער האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון
הויפּט-אינספּעקטאָר איבער די יִדישע שולן און איבער דער אַלגעמיי-
נער בילדונג פון די יִדן אין ווילנער גובערניע. אין 1841—1844 האָט
ש. פין צוזאַמען מיט אַ כאַווער אַרויסגעלאָזט די פעריִאָדישע אויסגאַבע
„פּרחי צפון" (פירכע צאַפאָן — צאָפנדיקע קווייטן). פון 1860 פאַרעפנט-

לעכט ער די וואָכנבלאט (ארויסגעגאנגען זייער ניט רעגולער), „הכרמל" (האקארמעל — דער בארג קארמעל), וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן אָנהייב 1871, דערנאָך פארוואנדלט ער מיט דער מיטהילף פון א צווייטן כאווער דעם „הכרמל" אין א כוידעש-זשורנאל (1871—1880).

אינעם בריוו פון מ. פלונגיאן, ווו ער בעט בא די פירקאָוויטשעס זייער הילף פאַר א „שטעלע אינעם זשורנאל", ווערט געמיינט די שטעלע פון רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „הכרמל", וועלכער האָט זיך באוויזן ערשט אין עטלעכע יאָר ארום.

„דער מיניסטער"

אן אינטערעסאנטע פיגור אינעם רוסישן קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן לעבן שטעלט מיט זיך פאָר דער פראַזאיקער און דיכטער אווראאם סערגייעוויטש נאָראָוו (1795—1869), וועלכער איז געווען אין די יאָרן 1854—1858 דער מיניסטער פון פאָלקסבילדונג פון דער רוסישער אימפעריע. איידער מע האָט אים נאָמינירט אפן דאָזיקן פּאָסט, האָט ער, אן אינוואליד, וואָס האָט אָנגעווירן א פוס אין באַראָדינער שלאכט אין פּאָטערלענדישן קריג, דורכגעמאכט רייזעס איבער סיציליע, פּאלעסטינע, מיצראַים און נוביע. זיינע 5-בענדיקע רייזע-נאָטיצן וועגן די דאָזיקע לענדער (זיי זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן אין 1854) האָבן געמאכט א גרויסן רושעם. א. ס. נאָראָוו איז געווען א פּאָליגלאָט און לינגוויסט: באהערשט האָט ער ניט נאָר אייניקע מײַרעוו-שפראכן — ענגליש, דייטש, פראנצויזיש און אנדערע, נאָר אויך לאטיין, אלט-גריכיש און אפילע העברעיש. אגעוו, איז קעדיי צו באמערקן, אז וועגן נאָראָווס טעטיקייט האָט צווישן אנדערע אויך געשריבן א. פּ. טשעכאָוו.

דער פאקט, וואָס א. ס. נאָראָוו האָט אויך געקענט העברעיש, האָט פארטאָפּלט דעם אינטערעס צו אים אין די יידישע און קאראימישע קרייזן. פון מ. פלונגיאנס בריוו איז מעגלעך אורטיילן פּאָלגנדעס. ערשטנס, האָט אווראאם (און עס קאָן זיין, אז אויך גאוורי:על) פירקאָוויטש געהאט א געוויסע האשפּאָע אף א. ס. נאָראָוון און געוויסע מעגלעכקייטן אים צו באזוכן. צווייטנס, האָבן די פירקאָוויטשעס געצייצעט מ. פלונגיאנען שיקן דעם קסאוויאד פון זיין בוך „בן פורת", ווע‌מענס אינהאלט האָט אימפּאָנירט אין א ריי הינזיכטן די פירקאָוויטשעס, צו נאָראָוון.

די ערשטע איבערזעצונג פון פּושקינס אַ ליד אין העברעיש

ביז הײַנט־צו־טאָג איז ניט געלייזט די פראגע, ווען עס הייבט זיך אָן די האשפּאָע פון פּושקינען אַף דער ליטעראטור בא ייִדן און פון ווען אָן האָבן ייִדן אָנגעהייבן אים איבערזעצן אַף איינע פון זייערע שפּראכן,— העברעיש אָדער ייִדיש.

דער באוווּסטער ליטעראטור־קריטיקער ב. קרוא (קארו, געב. 1889) קומט אין 1961 אפן סמאך פון אַלע באוווּסטע אים קוואלן צום פאָלגנ־דיקן אויספיר: „פּושקינס האשפּאָע אַף דער העברעישער ליטעראטור איז געקומען מיט א פארשפּעטיקונג. זי לאָזט זיך מערקן הויפּטזאכלעך אין די שאפונגען פון דיכטער, וועלכע זײַנען אנטשטאנען נאָך דער האסקאָלע־טקופע. אין א קנאפּער מאָס זײַנען באווירקט יעהודע־לייב גאָרדאָנס און מאָרדכע־צווי מאנעס לידער (זיי ביידע זײַנען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן איבערגעזעצט זײַנע לידער אין העברעיש). אין א צײַט שפּעטער באמערקט זיך פּושקינס האשפּאָע אַף אייניקע נאטור־לידער פון ביאליקן, אַף דער פּאָעזיע פון טשערניכאָווסקין, פיכמאנען און אנ־דערע" (קרוא, ב. אנציקלופדיה לספרות כללית וישראלית — ענציקלאָ־פּעדיע פאר אלגעמיינער ליטעראטור און ליטעראטור בא ייִדן, ב. 3, טעל־אוויוו, 1961, שפּאלטן 1427—1430).

בענעגייע י.־ל. גאָרדאָנען (1830—1892) איז נייטיק צו באמערקן, אז אינעם 4־בענדיקן זאמלבוך פון י.־ל. גאָרדאָנס לידער (כל שירי יהודה ליב גאָרדאָן, סאנקט־פּעטערבורג, 1884), ווו עס זײַנען אײַנגעשלאָסן סײַ זײַנע אָריגינעלע לידער, סײַ זײַנע איבערזעצונגען (פון שילערן, ל. שעפערן, שוּבערטן), רעכנט זיך ניט קיין איין איבערזעצונג פון פּוש־קינס לידער.

דער דיכטער און מאָלער מ. צ. מאנע (1859—1886, זיך געלערנט אין דער קונסט־אקאַדעמיע אין פּעטערבורג) האָט יאָ איבערגעזעצט לי־דער פון פּושקינען און לערמאָנטאָוון אין העברעיש, נאָר ער האָט דאָס, זעלבסטפארשטענדלעך, געטאָן פיל שפּעטער, איידער מ. פלונגיאַן.

די ליד «Последние цветы» („די לעצטע בלומען"), וועלכע איז מער באוווּסט אונטערן קעפּל «Цветы последние милей» („די

לעצטע אָדער די שפּעטסטע בלומען זײַנען ליבער"), האָט א. ס. פּושקין אָנגעשריבן אין דער צווייטער העלפט פון סענטיאַבער 1825 „אין צוזאַ-מענהאַנג, — ווי עס טײלן מיט אייניקע קסאָוויאַדן, — מיט די בלומען, וועלכע דער דיכטער האָט באַקומען אין שפּעטן האַרבסט פון פּ. א.", געמיינט איז דאָ פּראַסקאָוויאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָסיפּאָוואַ (1781—1859), מיט וועלכער פּושקין איז געווען באַפרײַנדעט זינט 1817. מיט איר האָט ער געפירט אַ פּיליאַריקע קאָרעספּאָנדענץ. עס זײַנען דערגאַנגען 40 בריוו, וועלכע זיי האָבן געשריבן איינער דעם אַנדערן אין די יאָרן 1825—1837. „די לעצטע בלומען" איז איינע פון די פיר לידער, וועלכע דער אויטאָר האָט געווידמעט פּ. א. אָסיפּאָוואַ. די ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן שוין נאָכן טויט פונעם דיכטער, צום ערשטן מאָל אין „סאָווրע-מעניק" אין 1838 (נומער 1, באַנד 9, זײַטל 137) אונטערן קעפּל «Последние цветы».

עס זײַנען באַוווּסט אייניקע וואַריאַנטן פון דער ליד. דער רוסישער טעקסט, וועלכן ס'ברענגט מ. פּלונגיאַן, שטימט מיט דער אויסגאַבע פונעם „סאָווּרעמעניק".

פּלונגיאַנס העברעיִשע איבערזעצונג פון „די לעצטע בלומען" איז וויכטיק פון אַ ריי שטאַנדפּונקטן. ערשטנס, שפּיגלט זי אָפּ דעם אינ-טערעס פון די ייִדישע מאַסקילים צו א. ס. פּושקינס דיכטונג שוין אין די 1850-ער יאָרן. און און פאַר זיך איז באַלערוודיק, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער ערשטער איבערזעצונג אין העברעיִש פון פּושקינס אַ ווערק. צווייטנס, זײַנען „די לעצטע בלומען" הײַנט-צו-טאָג באַוווּסט אויך אין איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן: אין דײַטש, אָנהייבנדיק פון 1897[1], אין ענגליש — פון 1910[2], אין טשעכיש — פון 1936[3], אין פלעמיש (פלאַמאַנדיש) — פון 1937[4], אין לעטיש — פון 1949[5], אין בענגאַליש — פון 1957[6], אין רומעניש — פון 1962[7]. אַזוי אַרום, שטעלט

[1] Gedichte von Alexander Puschkin. Leipzig, 1897, S. 72.
[2] Dickinson Bianchi, M. Russian Lyrics. New-York, 1910, p. 22.
[3] Puškin A. S. Lyrica, Praha, 1936, p. 112.
[4] Poesjkien, 1837-1937. Brugge, 1937, p. 51.
[5] Puškin, A. S. Jzlase. Riga, 1949, p. 106.
[6] Нирикха, Калькутта, 1957, 1 дек., стр. 106.
[7] Puşkin A. S. Poezii. Bucureşti, 1962, p. 137.

מיט זיך פאַר פלונגיאַנס איבערזעצונג די ערשטע איבערזעצונג פון דער דאָזיקער ליד אף וועלכער-עס-איז שפּראַך בּיכלל.

דריטנס, שטייט פלונגיאַנס איבערזעצונג פון קינסטלערישן, ריין פאָעטישן שטאַנדפּונקט אף דעם זעלבן ניוואָ, ווי אייניקע אנדערע איבערזעצונגען פון פּושקינס לידער אין העברעיִש, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די 1880-ער יאָרן דורך א. פּומפּיאַנסקין (1811—1899) אָדער ש. מאַנדעלקערנען (1846—1902).

מ. פלונגיאַנס בריוו, וועלכער ווערט דאָ געבראַכט, וואַרפט אויך א שיין אף אייניקע מאָמענטן פון זיין ביִאָגראַפיע. זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט אין אלגעמיין.

ערשטנס, די נויט, אין וועלכער ער, דער מאַסקיל און לאַמדן, און זיין מישפּאָכע האָבן געלעבט אין די 1850-ער יאָרן;

צווייטנס, זיינע האָפענונגען, וועלכע ער האָט פאַרבונדן מיטן „בן פורת";

דריטנס, קעדיי צו באַקומען א שטעלע אין ייִדישע אנשטאַלטן — א לערער אין ראַבּינער-שול, א רעדאַקטאָר אָדער מיטרעדאַקטאָר פון א ייִדישן זשורנאַל, מוז ער האָבן די האַסקאָמע פונעם מיניסטער פון פאָלקסבילדונג. און צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל איז ער געצווונגען זיך ווענדן צו דער הישטאַדלעס פון די „ברידער פון די קינדער פון ייִדישן פאָלק", צו די קאַראַימער אוראַאַם און גאַווריִעל פירקאָוויטש;

פערטנס, איז טאַקע ניט אויסגעשלאָסן, אז די שטעלע פון א לערער אין דער ראַבּינער-שול האָט מ. פלונגיאַן באַקומען אין רעזולטאַט פון דער פּראָטעקציע פון די פירקאָוויטשעס;

פינפטנס, ווערט באַווויזן צום ערשטן מאָל, אז פלונגיאַן האָט געפּרווט זיין פען אויך אין איבערזעצן פון רוסיש אין העברעיִש, אין געגעבענעם פאַל — פּושקינס א ליד. און העיויס דער גוט באַהאַווונטער בּיבּליאָגראַף ב. קרעסעל שטעלט פעסט, אז פלונגיאַן פלעגט גאַנץ אָפט פאַרעפנטלעכן זיינע ווערק אף אַנאָנימען אויפן, שווימט אוף א פראַגע, צי איז ניט מ. פלונגיאַן אויך דער אווטאָר פון אנדערע איבערזעצונגען פון רוסיש אין העברעיִש;

זעקסטנס, אנטפּלעקט זיך אן אומבאַווּוסט זייטל פון דער געשיכטע פון דער פּרעסע בא ייִדן אין די 1850—1860-ער יאָרן אין רוסלאַנד.

אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי

דער נאָמען פון יעהודע האַלייווי, א זון פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון דער העברע׳שער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, איז אין דער געשיכטע פאַרשריבן בעפּיירעש מיט גאָלדענע אויסיִעס. עס האָבן זיך גענייגט פאַר זײַן גאָניִאַלקײַט די גרעסטע דיכטער פון זײַן דאָר — דער פּאָעט און טעאָרעטיקער פון דער העברעיִשער און אַראַבישער פּאָעזיע מאָשע איבן עזראָ (געב. אַרום 1055, געשט. נאָך 1135), דער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, דיכטער און פילאָלאָג אַווראָהאָם איבן עזראָ (1093—1167); די גרויסע דיכטער פון די קומענדיקע דורות — יעהודע אַלכאַריזי (1170—1235) און היינריך היינע (1797—1856); די ערשטע צוזאַמענשטעלער און איבערשרײַבער פון זײַן דיוואַן (לידערזאַמלונג), און בעסויכעם (דעם ראַמבאַמס ברודער?) דאַוויד בען מײַמאָן; די ערשטע אַרויסגעבער פון זײַן דיוואַן שמועל-דאַוויד לוצאַטאָ (1800—1865) פון איטאַליע און אַווראַהאַם עליאָהו האַרקאַווי (1836—1919) פון רוסלאַנד; דער באַוווּסטער פאָרשער פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער פּאָעזיע כאַיִם בראָדי (1868—1942); די היסטאָריקער און ליטעראַטור-קריטיקער היינריך גרעץ (1817—1891), שימען דובנאָוו (1860—1941), אַווראָהאָם גייגער (1810—1874), לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886), ייִסראָעל צינבערג (1873—1941) און פיל אַנדערע.

„...חיי במותי" (מײַן לעבן איז אין מײַן טויט!) — האָט נעוויִעסדיק געהאַט געשריבן יעהודע האַלייווי אין איינער פון זײַנע לידער. ער און זײַן דיכטונג האָבן דערגרייכט אומשטערבלעכקײַט — אַזוי קאָן מען קאָנסטאַטירן אויך איצט, אין העכער נײַן הונדערט יאָר אַרום זינט זײַן געבוירן.

יעהודע האַלייוויס ליטעראַרישע ירושע איז פאַרהעלטניסמעסיק דערגאַנגען צו אונדז ניט שלעכט — אַלנפאַלס, בעסער איידער פון פיל אַנדערע העברעיִשע דיכטער פון שפּאַניע. סיבעס דערצו זײַנען געווען פיל. ס׳האָט געשפּילט א ראָל סײַ דעם אווטאָרס געוינישקײַט, סײַ זײַן פּאָפּוליאַריטעט, סײַ דער פאַקט, וואָס א טייל פון זײַנע גײַסטלעכע לי-

דער זײַנען אײַנגעפלאָכטן געוואָרן אין סידורים און מאַכזיירים. דאָס אַלץ איז גוט באַוווּסט. עס קאָן אָבער זײַן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן שטעקט אין זײַן ביִאָגראַפיע.

יעהודע האַלייווי האָט אין די לעצטע כאַדאָשים פון זײַן לעבן געוווינט אין מיצראַיִם (אין אַלעקסאַנדריִע און קאַיִר), דאָס הייסט דאָרט, פונוואַנען עס שטאַמען די גרעסטע אוצרעס פון דער געניזע. ווי באַוווּסט, האָבן זיך אַרום די געניזע-מאַטעריאַלן אין קאַיִר מאַטריִעך געווען אַזעלכע קסאַוויאַדן-זוכער, ווי דער פעטער פון היינריך היינעס מוטער שימאָן דע געלדערן פון האַמבורג (1720—1774); יאַקאָוו סאַפּיר (1822—1885) — אַ באַוווּסטער רײַזנדער און פאָרשער, וועלכער האָט באַזוכט די געניזע אין 1864; דער קאַראַיִמישער זאַמלער אַ. פירקאָוויטש (1785—1874), געווען אין קאַיִר אין 1865; דער רוסישער אַרכימאַנדריט אַנטאָנין קאַפּוסטין (1817—1894, געוווינט אין יערושאָלאַיִם, אָנהייבנדיק פון 1865 ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן). פאַר אָט דער צײַט דערוואָרבן 1200 פראַגמענטן פון דער געניזע; דער שרײַבער און פאָרשער פון דער געשיכטע פון יידן אין לאָנדאָן עלכאָנען-נאַטאַן אַדלער (1861—1935); שלאָמאָ זאַלמען שעכטער (1850—1915), וועלכער האָט געבראַכט די גרעסטע צאָל קסאַוויאַדן פון דער געניזע אין קעמברידזש און אין די פּריוואַטע שטאַטן און איז דערנאָך באַרימט געוואָרן מיט זײַנע פּובליקאַציעס אַפן יעסאָד פון די געניזע-מאַטעריאַלן, און אַנדערע.

פון די געניזעס פון גאָר דער וועלט און אויך פון קאַיִר איז אַ גאַנץ היפּשער טייל אַרײַן אין די ביבליִאָטעקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. עס זײַנען באַרימט די אוצרעס פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליִאָטעק, וועלכע באַשטייען פון די זאַמלונגען פון פירקאָוויטשן און אַנטאָנינען, פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביבליִאָטעק אַפן נאָמען פון וו. אי. לענין מיט די גינזבורג-זאַמלונגען און פון דער ביבליִאָטעק פונעם לענינגראַדער פיליִאַל פון דעם אינסטיטוט פאַר מיזרעך-קענטענישן בא דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פּסח מיט אירע פרידלאַנד-זאַמלונגען. אין די דאָזיקע ביבליִאָטעקן איז צווישן אַנדערס פאַראַן אַ גרויסע צאָל קסאַוויאַדן און פראַגמענטן מיט וועלטלעכע לידער און פּיוּטים, געשאַפענע אַפן פּירענעיִשן האַלב-אינדזל אין דער ערשטער העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט. דער איבנאָך צווישן זיי פאַרנעמען, ניט נאָר לויטן אינהאַלט, נאָר אויך לויט דער צאָל, די שאַפונגען פון יעהודע האַלייווי. בלויז אין

ביידע פירקאָוויטש-זאַמלונגען פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָ-טעק האָב איך פעסטגעשטעלט 68 קסאַוויאַדן און פראַגמענטן, אין וועל-כע ס׳זײַנען פאַראַן יעהודע האַלייוויס פּאָעטישע ווערק. אונדז האָט דאָ מאַמעש געגליקט מיט אומדערוואַרטע אַנטדעקונגען, וועגן אייניקע פון זיי וויל איך דאָ דערציילן.

אַן אומבאַוווּסטע רעדאַקציע פון יעהודע האַלייוויס דיוואַן

אין דער צווייטער זאַמלונג פון א. פירקאָוויטשן האָבן מיר באַמערקט אונטערן נומער 1—207 א מערקווירדיקן קסאַוויאַד. ער באַשטייט פון אַכט פּאַפּירענע בלעטער 20,2 אויף 14,3 סמ., דער טעקסט פאַרנעמט 16,3 אויף 11,1 סמ., געשריבן מיט שוואַרצן טינט. אינעם קסאַוויאַד איז גע-בראַכט א רעשימע פון אָנהייבן פון לידער. זייער נומעראַציע איז איבער-געגעבן מיט אַראַבישע ווערטער און אָנגעשריבן מיט א געווויסן אינטער-וואַל. די אויסיעס — קוואַדראַטע העברעיִשע, 7 ממ. די הייך, יעדע נו-מעראַציע פאַרנעמט איין שורע. נאָך דער נומעראַציע גייט דער אָנהייב פון דער געהעריקער ליד. געוויינלעך פאַרנעמט ער איין שורע, אויסער דער לעצטער באַשרײַבונג אויף יעדן זײַטל, וועלכע פאַרנעמט צוויי-דרײַ שורעס. די רעגיסטראַציע פונעם אָנהייב פון א ליד באַשטייט געוויינלעך פון עטלעכע (מערסטנטייל 4) ווערטער, וועלכע שרײַבן זיך טיילווײַז רעכטס, טיילווײַז לינקס אין דער שורע מיט א געווויסן אינטערוואַל צווישן די ביידע טיילן.

אויף יעדן בלאַט זײַנען געמאַכט 22 רעגיסטראַציעס פון אָנהייבן פון לידער, צו 11 אויף א זײַטל. אין קסאַוויאַד זײַנען געבראַכט אָנהייבן פון לידער, וועלכע טראָגן די פאָלגנדע נומערן: די ערשטע 6 בלעטער — פון נומער 30 ביז 161, דה. 132 רעגיסטראַציעס. די לעצטע 2 בלע-טער — פון נומער 228 ביז 271 — 44 רעגיסטראַציעס, צוזאַמען 176 רעגיסטראַציעס.

דער קסאַוויאַד האָט קורצע צוויי באַשרײַבונגען. איינע פון א. פיר-קאָוויטשן אין העברעיִש, די צווייטע — פון האַרקאַווין אין רוסיש. וואָס שײַך דעם אינהאַלט, זײַנען זיי ביידע איינשטימיק. ס׳זײַנען אויסגע-רעכנט יעהודע האַלייוויס לידער.

אנאַליזירנדיק די רעשימע, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט פון לעכאטכילע אָן ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין זעלבשטענדיק ווערק, נאָר בלויז א טייל פון א פאָרוואָרט צו א דיוואן פון יעהודע האַ־לייווי. די רעשימע איז ניט געשריבן דורכאַנאַנד, נאָר איז געווען איבער־געריסן דורך עפּעס א טעקסט.

איך האָב געהאַלטן אין איין זוכן די איבעריקע בלעטער פון דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט און ענדלעך זיך אָנגעשטויסן אַפן קסאוויאַד 1—44 פון דער זעלבער זאַמלונג. ער באַשטייט פון 65 בלעטער. זייער פאָרמאַט, טינט, מאַניר פון שרײַבן זײַנען אידענטיש מיטן מאַנוסקריפּט 1—207. דער ערשטער בלאַט אַנטהאַלט אויך 22 (צו 11 אַף א זײַטל) נומערירטע רעגיסטראַציעס פון אָנהייבן פון לידער — די נומערן 8—29, וועלכע פעלן אין 1—207. די איבעריקע 64 בלעטער פונעם קסאוויאַד 1—44 אַנטהאַלטן טעקסטן פון יעהודע האַלייוויס דיוואַן. אַף די מאַרגינאַלן זײַנען די לידער אויך נומערירט מיט העברעיִשע אויסיִעס. זייער נומעראַציע איז אָבער געמאַכט געוואָרן פיל שפּעטער, מיט איבערײַסן — לויט דער פאַרב: אַמאָל מיט שוואַרצן, אַמאָל מיט רויטן טינט, און זי שטימט בלויז ערטערווײַז מיט דער רעשימע. א גרויסע צאָל לידער, וועלכע זײַנען גע־בראַכט אין טעקסטן, פעלן אין דער רעשימע, און פאַרקערט, עס פעלן פיל לידער, וועלכע זײַנען געבראַכט אין דער רעשימע. די גרעסטע רע־גיסטראַציע פון א ליד אין קסאוויאַד 1—44 טראָגט דעם נומער תעה, דה. 475. אַזוי־אַרום, איז דער דיוואַן פון יעהודע האַלייווי באַשטאַנען מי־נימום פון 475 לידער.

די צוזאַמענגעשטעלטע רעשימע פוןביידע קסאוויאַדן, וואָס ציילט שוין איצט 198 רעגיסטראַציעס (נומערן 8—161, 228—271), האָב איך דורכגעקאָנטראָלירט לויט אַלע וויכטיקע ביבליאָגראַפישע קוואַלן[1].

וועגן אייניקע ביז איצט אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי

---

[1] י. דאַווידזאָן, אוצר השירה והפיוט (דער אוצער פון דער פּאָעזיע און פּיוט). ניו־יאָרק, 1924—1933. אין 4 בענדער, וועלכע אַנטהאַלטן 36.000 לידער און פּיוּ־טים, פאַרפאַסטע פון 2800 דיכטער, און דער צוגאָב־באַנד ציַנצינאַט, 8־1937; כ. שירמאַנס ווערק: השירה העברית בספרד ובפרובאַנס (די העברעיִשע דיכטונג אין שפּאַניע און פּראָוואַנס), טעל־אַוויוו, 1954—1956, זײַנע יערלעכע ביבליאָגראַפישע אויסגאַבעס, אָנהייבנדיק פון 1948, חקר השירה והפיוט (פאָרשונג פון דער פּאָעזיע און פּיוּט); שירים חדשים מן הגניזה (נײַע לידער פון דער געניזע), יערושאָלאַיִם, 1965.

אין אָט דער רעשימע האָב איך זיך אויך געווענדט צו געלערנטע, וועל־כע זיינען באַהאַוונט אין די קסאַוויאַדן פון זיינע ווערק אין אויסלענדישע ביבליאָטעקן, און כ'האָב באַקומען פון זיי די נייטיקע אינפאָרמאַציע. און אָט איז דער רעזולטאַט: ערשטנס, פיל לידער פון אונדזער רעשימע זיי־נען אין ערגעץ ניט באַוווּסט. צווייטנס, ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן די אוטאָרשאַפט פון יעהודע האַלייווי בענעגייע א געוויסער צאָל לידער, וועלכע מע פלעגט צושרייבן אנדערע אוטאָרן. מיר וועלן זיך איצט באַ־נוגענען בלויז מיט די ביכלאַל אומבאַוווּסטע לידער. ווייטער ווערט גע־בראַכט א צעטל פון זיי.

אומבאַוווּסטע לידער פון יעהודע האַלייווי
(לויטן קסאַוויאַד 1—207)

229. אבי ראה אויבתי מחרפת (פאָטער מיינער, זע ווי מיין פריינדן זידלט זיך)
96. אוי שכינה שלש ועשרים (אוי, דו, שכינע, דריי און צוואַנציק...)
243. איך רועה התרועעה (וויאַזוי א פּאַסטעכערן האָט זיך באַפריינדעט)
114. אל תאיצו לנחם לב מאן (איילט זיך ניט טרייסטן א האַרץ, וואָס זאָגט זיך אָפּ)
268. אלי על תורה שהלכה (קלאָג איבער דעם לערער, וואָס איז אוועק)
228. אמר המטיף בגעור (ס'האָט געזאָגט דער פּריידיקער באַם בייזערן זיך)
30. אשרו ללכת בדרך קדושים (פאָלגט צו גיין אַף די וועגן פון קדושים)
92. בת ברמה נשמע קול (טאָכטער! עס לאָזט זיך הערן פון דער הייך א שטים)
38. דגלי עליך ומי בלעדיך (מיין פאָן פלאַטערט איבער דיר, און ווער נאָך אַכוץ דיר)
57. יום אשר מלבי גלה (אינעם טאָג, ווען פון מיין האַרץ איז פאַר־וואָגלט געוואָרן)
127. יום למתאבל בחיליו כיום (דער טאָג, ווען דער אָול שמאַכט פון שמערצן איז ענלעך צום (היינטיקן?) טאָג)
75. יחד מקדם כושל בך נלאה (פון קאַדמוינים אָן איז צוזאַמען מיט דיר דער מידער, וואָס פאַלט פון די פיס?)
82. יחיש קץ ישועה האל (זאָל גאָט צויילן דעם קעץ פון דער הילף)

109. לא אליכם חוכי תשועה (ניט צו אײַך װענדן זיך די, װעלכע דער־װאַרטן אַ דערלייזונג)
105. מה אעידך (װי זאָל איך אױף איר אײדעס זאָגן?)
106. לא אליכם שומעי שמעי המתאבלים על נגעי חיים (די איבערזעצונג זע װײַטער)
107. נשבה עדר (ס'איז געפאַנגען געװאָרן אַ טשערעדע...)
270. ספרו ימים יספדו מיוס (צײלט די טרױער־טעג זינט דעם טאָג, װען...)
133. תשמיע אדר יקר אפריון (לאָז הערן װעגן פּראַכט פֿון מײַן טײַערן באַלדאַכין)

דאָ פֿאָדערן זיך צװײ באַמערקונגען. ערשטנס, העיוס די אָנהייבן פֿון די לידער שטעלן מיט זיך ניט פֿאָר קײן פֿאַרענדיקטע זאַצן, זײַנען אונדזערע איבערזעצונגען בלױז באַדינגלעכע. צװײטנס, קימאַט אַ העלפֿט פֿון די געבראַכטע אומבאַװוּסטע ביז איצט לידער איז געלונגען אַנטדעקן אין עם „געפֿען מיצראַים" (דער װײַנשטאָק פֿון מיצראַים. זע אונדזער אַרבעט „הונדערט יאָר געפֿען מיצראַים", „סאָװעטיש הײמלאַנד", 1978, נומ. 1, ז. 162—165). מיט אַזאַ מין נײַעם אױיצער מעג די לענינגראַ־דער עפּנטלעכע ביבליאָטעק מיט פֿולע רעכט שטאָלצירן. אַלס בײַשפּיל פּובליקירן מיר דאָ צום ערשטן מאָל אײנע פֿון די אָקאָרשט געפֿונענע לידער.

אַן עלעגיע װעגן אַ פּאָגראָם אױף דער ייִדישער קהילה אין טאָלעדאָ

אונטערן נומער 106 אין דער רעשימע פֿונעם קסאַװיאַד 1—207 איז פֿאַרשריבן אַן אָנהײב פֿון אַ ליד: „לא אליכם שומעי שמעי המתאבלים על נגעי חיים". אונדז איז געלונגען צו געפֿינען, און דאָס בלױז אין אײן־און־אײנציקן קסאַװיאַד, די ערשטע שורעס פֿון דער ליד, װאָס איז באַצײכנט מיט אַ טיטל אין אַראַביש: „פתיחה פי וקעה טליטלה". פּראָפֿ. כ. שירמאַן װײַזט אָן אין אײנער פֿון זײַנע װערק די פֿאָליסעמאַנטיק (פֿיל־באַדײַטנדיקײַט) פֿונעם װאָרט „פתיחה" אַלס אַ טערמין אין דער מיטלאַל־טערלעכער העברעיִשער שפּראַך, הױפּטזאַכלעך אין שפּאַניע. אײנע פֿון

די פּאַרגעלייגטע באַדײַטונגען: אַרײַנפיר־שורעס. אין אַ גרויסער וועלטלעכער (ניט רעליגיעזער) דיכטערישער שאַפונג. „טליטלה״ — אַזוי שרײַבט זיך אין דער העברעישער ליטעראַטור די באַצייכענונג פון דער שטאָט טאָלעדאָ, וואָס קלינגט אין אַראַביש „טולייטילאַט״. אַזויאַרום, „פּתיחה פּי וקעה טליטלה״ — הייסט: „אַרײַנפיר־צײַלן וועגן פאַלן (אָדער אָנפאַל אַף) טאָלעדאָ״.

דער קסאַוויאַד 1—208 פון דער צווייטער פירקאָוויטש־זאַמלונג, ווו עס געפינט זיך די דאָזיקע עלעגיע, באַשטייט פון 43 בלעטער 17,8 אַף 13,6 סמ. דער טעקסט איז געשריבן מיט שוואַרצן טינט און פאַרנעמט 12,5 אַף 8,3 סמ. ער אַנטפּלעקט עטלעכע פראַגמענטן פון יעהודע האַלייוויס דיוואַן, וואָס שטאַמען מערסטנטייל פון איין איבערשרײַבער. דער קסאַוויאַד איז דערווײַל דער איינציקער, וועלכער אַנטהאַלט די פאַרעפנטלעכטע דאָ עלעגיע. ליידער איז צו אונדז דערגאַנגען בלויז דער אָנהייב פונעם ווערק. לאָמיר האָפן, אַז דאָס פּובליקירן די פאַקסימילע פונעם קסאַוויאַד וועט העלפן געפינען זײַן פאָרזעצונג.

יעהודע האַלייוויס עלעגיע, וועלכע מיר פּובליקירן דאָ, פירט אונדז אַריבער צו דער שפּאַנישער שטאָט טאָלעדאָ, וועלכע איז איצט באַ ליבהאָבער פון קונסט באַרימט מיטן הויז־מוזיי פון על־גרעקאָ (1541—1614). פאַר דער געשיכטע פון די ייִדן און פון דער ייִדישער קונסט אין שפּאַניע איז די שטאָט אויך אינטערעסאַנט מיט אַ צווייטן מוזיי. אין 1337 האָט דאָרט דאָן שמועל אַבולאַפיאַ, דער געוועזענער פינאַנץ־ראַטגעבער פונעם קיניג דאָן פּעדראָ, אויפגעבויט אַ פּרעכטיקע שול, וועלכע איז אָנגערופן del Transito און דינט הײַנט־צו־טאָג אַלס אַ שפּאַנישער מוזיי. די אָרנאַמענטיק, ווי אויך די העברעישע אויפשריפטן אין דער געוועזענער שול, זײַנען גלענצנדיק דערגאַנגען ביז אונדזערע צײַטן.

אַז אין דער שטאָט זײַנען געווען ייִדישע פּאָגראָמען, קאָן מען געפינען אָנווײַזונגען אין פאַרשיידענע ענציקלאָפּעדיעס. עס איז, לעמאָשל, באַוווּסט, אַז אין 1256 איז געווען אַ פּאָגראָם, און דער ייִדישער קוואַרטאַל איז רויִנירט געוואָרן. אינעם פּאָגראָם אין יאָר 1391 זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן 1200 ייִדן. אין טאָלעדאָ האָבן זיך גאַנץ גוט אָנגעליטן די „אַנוסים״ — אויפגעצוווּנגענע צו שמאַדן זיך, וועלכע האָבן געזוכט שוץ אין טאָלעדאָ. מע האָט זיי אויסגעהאַרגעט. אָנהייבנדיק פון 1486, איז טעטיק געווען די „הייליקע אינקוויזיציע״.

װעגן אַ פּאָגראָם אױף ייִדן אין טאָלעדאָ אין יעהודע האַלײװיס צײַטן דערװיסן מיר זיך פֿונעם קסאװיאַד 1—208 פֿון דער צװײטער פֿירקאָװיטש-זאַמלונג, בלאַט 2: „ולה פתיחה פי וקעה טליטלה" — „און אים" דה. יעהודע האַלײװין „געהערט אַט דער אָנהײב װעגן פֿאַלן פֿון טאָלעדאָ".

יעהודע האַלײװי איז געװען ענג פֿאַרבונדן מיט טאָלעדאָ און מיט אירע אײַנװױנער. קײן קאָנקרעטע אָנװײַזונג, אַז ער איז געװען אַ טאָלעדער, איז אין ערגעץ ניט פֿאַראַן. די פֿאָרשער אָבער פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושה האָבן געפֿונען דערצו גענוגנדע איבערצײַגנדיקע באַװײַזן. פּראָפ. כ. שירמאַן זעט, לעמאָשל, אַן אָנדײַטונג דערצו אין יעהודע האַלײװיס אַ ליד, װעלכע איז געװידמעט יִצחאָק איבן אַלשאַמי. דער אױטאָר טײלט מיט, אַז זײַן „געצעלט" געפֿינט זיך אין עק פֿונעם לאַנד פֿון די קריסטן (ח. שירמאַן, לתולדות השירה והדראמה העברית. ירושאָלאַיִם, 1979, באַנד 1, ז. 272). געלערנטע האַלטן אױך, אַז יעהודע האַלײװי האָט זיך פֿאַרנומען אין טאָלעדאָ מיט מעדיצין. אָט אַזױ װערט פֿאַרשטאַנען אַן אױסצוג פֿון זײַנעם אַ בריװ צו אַ פֿרײַנט: ...„אַזױאַרום, פֿאַרנעם איך זיך מיט די רעפֿועס-נישטיקײַטן דאָ, װען עס איז ניט טאָג און ניט נאַכט... די שטאָט איז אַ גרױסע, און אירע אײַנװױנער זײַנען ריזן, שטרענגע הערשער. און מיט װאָס נאָך קאָן אַ קנעכט באַװיליקן זײַנע הערן, אױב ניט מיט דעם, װאָס ער פֿאַרנעמט זיך זײַן גאַנץ לעבן מיט זײערע באַדערפֿענישן?.. מיר האַלטן אין אײן הײלן באָװל, נאָר זי װערט ניט אױסגעהײלט".

יעהודע האַלײװי האָט געשריבן לױב-לידער אױף דעם אָנגענומענעם אין יענע צײַטן אַראַבישן מוסטער. אײניקע פֿון זײ זײַנען געװידמעט דעם לײב-מעדיקער פֿון אַלפֿאָנסן דעם 6-טן יאָסעף פֿערוציעל. זײַנע שטאַדלאָנעס לטובֿעס די ייִדן, װעלכע האָבן געװױנט אין דער אומגעגנט פֿון דער שטאָט װאַדי אַלכאַדזשאַראַ, האָט יעהודע האַלײװי גערימט. צװײ לידער האָט דער דיכטער געװידמעט יאָסעפֿס פּלימעניק, דעם דיפּלאָמאַט שלאָמאָ פֿערוציעל. אין דער ערשטער באַשרײַבט יעהודע האַלײװי מיט די העלסטע פֿאַרבן, װי די טאָלעדער קעהילע לעכצט אומגעדולדיק, אַז שלאָמאָ פֿערוציעל זאָל זיך אומקערן פֿון זײַן דיפּלאָמאַטישער שליכעס צו דער רעגירונג פֿון אַראַגאָן; אין דער צװײטער ליד, װעלכע ער האָט אָנגעשריבן גלײַך נאָך דער ערשטער, באַװײנט ער דעם טראַגישן טױט

פֿונעם דיפּלאָמאַט, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אַף זײַן צוריק־וועגס פֿון אַראַגאָן קיין טאָלעדאָ דעם 3 מײַ 1108. די ביידע לידער רופֿן ביז איצט אַרויס דעם העכסטן פּיעטעט בא ליטעראַטור־קריטיקער. און דאָס איז די סיבע, פֿאַרוואָס אייניקע פֿון זיי פֿאַרגלײַכן יעהודע האַלייווין מיטן באַרימטן מאָלער רובענס (1577—1640), וועגן וועלכן מע דערציילט, אַז ער איז געווען בעקוויעם מיט איין שטריך פֿאַרענדערן אַ בילד פֿון אַ לאַכנדיקן קינד אין אַ בילד פֿון אַ ביטער וויינענדיקן.

וואָס איז שײַעך יעהודע האַלייווין און זײַן טעטיקײַט אין טאָלעדאָ, איז אים אויסגעקומען, קאָן זײַן, מער וויינען, איידער לאַכן. די זעקס בריוו, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן צו זײַן פֿרײַנט כאַלפֿאָן אין מיצראַיִם (ס'האָט זיי געפֿונען און פֿאַרעפֿנטלעכט ש. ד. גויטײַן) וועגן אויסלייזן אַ יידישע פֿרוי פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט, זײַנען, לויט דער אויטאָריטעטער מיינונג פֿונעם געלערנטן, אויך אָנגעשריבן אין טאָלעדאָ אין דער צײַט, ווען אין דער קאַסטיליאַנער הויפּטשטאָט האָט רעגירט די בייזוויליקע קיניגן אוראַקאַ.

מיר ברענגען דאָ די עלעגיע (צווייטע פֿירקאָוויטש־זאַמלונג נומער 1—208, בלאַט צוויי, לינקע זײַט):

ולה פתיחה פי וקעה טליטלה

לא אליכם שומעי שמעי
שאלו אם לא שמעתם
נדעה נרדפה איך כלתה
והודיעו גולת אריאל
אני הייתי גברת
מיום גליתי גרתי
בני יועצי אלופיו
בהדרת זקנים נכבדתי
חברת חכמים ותלמידים
ועמי יועץ המלך
ויד עשו היתה עמי
וקהלי מחזיק בחבלו
חשבו עלי מחשבה
הוא היוס אשר נתכנו
עזבו הטבח למחר

המתאבלים על נגעי
אגידכם אם לא ידעתם
הרעה ובמה היתה
כי שבט מישראל
כבנות גולה מאושרת
עם שעיר ולא חסרתי
ועמי שכן בין כתיפיו
ועל תורתי הפקדתי
קוראים דת למודים
ירא אלהים ההולך
ובלבו חורש לדמי
וגזרה אומרת לא
וליוס שבת נעזבה
ויאמרו אוי נא לנו
ובבקר לא התאחר

היים כלכם היום
שימו לבבכם מהיום
החטאת הזאת היום
נגדע היום
לפני בוא יום
חסד אל כל היום
חופף עליו כל היום
שומרים כל היום
לשלמי נדרי יום יום
ואור עד נכון היום
רק רע כל היום
תדע מה ילד יום
והיו נכונים ליום
כי פנה היום
ולא יומת איש היום

אין דער עלעגיע האָט יעהודע האַלייווי געשטעלט פאַר זיך א ציל ניט נאָר באַשרייַבן דעם פּאָגראָם, נאָר אויך שילדערן זייַן פאָרגעשיכטע. עס ווערט אין אייניקע שורעס אָנגעמערקט די גינסטיקע לאַגע, לויט דעם דיכטערס אָפּשאַצונג, פון די ייִדן אין טאָלעדאָ און זייער האַשפּאָע אין דער מעלוכע און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס ווערן דערמאָנט ייִדישע ראַטגעבער ביכלאַל און דעם קיניגס ראַטמאַן ביפּראַט. די געשיכטע פונעם פּאָגראָם זעלבסט איז דערגאַנגען בלויז טיילווייַז.

דער היסטאָרישער פאָן פון דער עלעגיע איז געמאָלט, לויט אונדזער אָפּשאַצונג, אויסשליסלעך אין פּעריאָד, ווען עס האָט געהערשט אין טאָלעדאָ אַלפאָנס דער זעקסטער און אין דער צייַט פון די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט גלייַך נאָך זייַן טויט (יוני 1109).

אַלפאָנס דער זעקסטער, דער קייסער פון קאַסטיליע און לעאָן, וועלכער האָט זיך אויך אָנגערופן אימפּעראַטאָר פון גאַנץ שפּאַניע (imperator totius Hispaniae) האָט, ווי באַוווּסט, אין 1085 אייַנגענומען די שטאָט טאָלעדאָ. די ייִדן האָבן דאָרט געלעבט אין א באַזונדערן קוואַרטאַל, וועלכער איז גוט באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט. דער קוואַרטאַל האָט זיך געפונען אין דער דאָרעם-מייַרעוודיקער זייַט פון טאָלעדאָ און האָט אויסגעזען קימאַט ווי א זעלבשטענדיקע שטאָט. אין דער דאָרעם-זייַט האָט זיך דער ייִדישער קוואַרטאַל געפונען באַם באַרג-אַראָפּ לעבן דעם טייַך טאַכאָ. דאָרט איז געווען א פעסטונג, וועלכע איז באַוווּסט מיטן נאָמען „ייִדישע פעסטונג". אַלפאָנס דער זעקסטער האָט געהאַלטן די ייִדן פאַר א געוווּנטשענעם עלעמענט. זיי, פאַר ווען די אַראַבישע שפּראַך איז געווען נאָענט און באַקאַנט, האָבן ניט איין מאָל אויסגעפּילט דיפּלאָמאַטישע שליכעס פאַרן קאַסטיליאַנער מיילעך אין זייַנע באַציִונגען מיט די שכייניסדיקע אַראַבישע מעדינעס, און זיי זייַנען געווען ראַטגעבער באַ זייַנע געהילפן.

גאָר געהויבן איז באַ אַלפאָנס דעם זעקסטן געווען זייַן לייב-מעדיקער יאָסעף בען פערוציִעל, וועלכער איז אויך באַוווּסט מיטן בייַנאָמען סידעלוס. וועגן דעם, וויִאַזוי עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע טעטיקייַט פון סידעלוסן און פון זייַן פּלימעניק שלאָמאָ פערוציִעל אין יעהודע האַלייוויס דיכטונג, האָבן מיר שוין העכער דערמאָנט. סידעלוסעס פּאָליטישע האַשפּאָע לאָזט זיך מערקן ביזן יאָר 1110, דה. אפילע א יאָר

נאָכן טויט פון אַלפאָנסן, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַן אופשטאַנד פון די קריסטן אין טאָלעדאָ, אין דער געגנט פון בורגאָס און אין גאַנצן קיניג-רייַך פון לעאָן. די אופשטענדלער האָבן איינצייַטיק פּאָגראָמירט ייִדן. וועגן דעם אַלעמען דערציילט פּראָפעסאָר יִצחאָק בער אין זײַן קאַפּיטאַל ווערק „די געשיכטע פון ייִדן אין דער קריסטלעכער שפּאַניע" (העברעיִש, טעל-אוויוו, 1865, ז. 30). דאָס איז אונדזער איינציקער פאַרוף אויף א היסטאָריקער. דאָס באַשטעטיקט, אַז אין דער עלעגיע, וואָס מיר פּובליקירן, האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָגראָם, וועלכער איז פאָרגעקומען אין טאָלעדאָ אין איינעם פון די זונטיק-טעג פון 1109 (נאָר ניט פריִער פון יוון).

ליידער איז די עלעגיע דערגאַנגען בלויז טיילווייַז, ביז דער באַשרײַבונג פון דעם מאָמענט, ווען דער כאַליף האָט זיך אַרופגעלייגט אויף די העלדזער פון דער ייִדישער קעהילע אין טאָלעדאָ און וואָס איז געשען ווייַטער? צי איז געשען אַ נעס, ווי בײַ יִצחאָקס אַקײדע?

קעדיי צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, געפינען מיר פאַר נייטיק איבערזעצן איניקע שורעס פון אַ צווייטער עלעגיע פונעם זעלבן אוטאָר: „אקונן על-מר תלאותי" (איך וועל קלאָגן אויף דער ביטערקייַט פון מײַן פּײַן). די דאָזיקע עלעגיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין כ. בראָדיס אויסגאַבע פון יעהודע האַלייווי (ב. 4, ז. 131—133). מיר וועלן דאָ אויסנוצן אויך דעם טעקסט, וואָס געפינט זיך אין אַנדערע קסאַוויאַדן (צווייטע פירקאָוויטש-זאַמלונג, נומער 206, ז. 57 און 1—200, ז. 2). פאַרגלײַכנדיקביידע עלעגיעס, וואַרפט זיך אין די אויגן זייער אידענטישער געבוי, דער נאָענטער אינהאַלט.

ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, איז טאָלעדאָ געווען ניט די איינציקע שטאָט, וועלכע האָט געליטן פון אַ פּאָגראָם אין יענע צײַטן. די אומופהערלעכע שטרײַטן און מילכאָמעס צווישן די קריסטן און מוסולמענער האָבן כאָרעוו געמאַכט ייִדישע קעהילעס. יעהודע האַלייווי האָט געווידמעט אַ גאַנצע ריי ווערק דער שווערער לאַגע פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן ביידע פײַנטלעכע און קריגערישע מאַכנעס.

יעדע סטראָפע אין ביידע עלעגיעס באַשטייט פון דרײַ טיילן. די ערשטע צוויי גראַמען זיך איינע מיט דער אַנדערער, און די דריטע פאַרענדיקט זיך אין אַלע סטראָפן פון יעדער עלעגיע מיט איינעם און דעם זעלבן וואָרט.

ביידע עלעגיעס דערגאנצן איינע די אנדערע און מאָלן דאָס טראגישע בילד פון דער „שכיטע-שטאָט", אָדער, ריכטיקער, פון די „שכיטע-שטעט" אין יענע גרויזאמע צײַטן. אָט זײַנען אייניקע שורעס פון „איך וועל קלאָגן אױף דער ביטערקײַט פון מײַן פּײַן".

„צווישן ארמייען פון שעיר (סעיר — קריסטן) און קדר (קעדאר — אראבער, מוסולמענער) איז מײַנע פארלאָרן געגאנגען... ווי נאָר זיי גרייטן זיך מילכאָמע האלטן, זאמלען זיי איינציקווײַז צונויף ייִדן, קעדיי זיי דערהארגענען, אומברענגען... ס'איז אן אומגליק פון גאָט געקומען... א גזיירע ארויס ארויסהארגענען א שטאָט ייִדן... אין דעם זעלבן טאָג, ווען די שטאָט איז דורכגעבראָכן געוואָרן, האָבן די זין פון סעיר זיך נויקעם געווען... דערהארגעטע האָבן זיך געוואלגערט אױף די גאסן... ווען עס איז פאַריבער די שווערד פון נעקאָמע, האָבן געפאנגענשאפט, הונגער און דאָרשט באגעגנט די ייִדן"[1].

קעדיי ווי געהעריק אָפּשאצן די ווויסנשאפטלעכע ווערט פון די דערמאָנטע קסאוויאדן פון דער פירקאָוויטש-זאמלונג 1—207, וועלכע אנטהאלט די רעשימע פון יעהודע האלייוויס לידער, און פון 1—44, פונוואנען מיר האָבן געבראכט זײַן עלעגיע, איז געוויס ווינטשנסווערט געפינען די שפּורן פונעם צונויפשטעלער פון יעהודע האלייוויס דיוואן, ווי אויך זיך דערוויסן, וועלכער צײַט-אָפּשניט טיילט אים אָפּ פונעם דיכטער, מיט וועלכע קוואלן אָפּערירט ער, און ביכלאל, אױף וויפל איז ער קאָמפּעטענט אין יעהודע האלייוויס פּאָעטישער יערושע. אנדערש גערעדט, צי מעג מען אים האלטן פאר אן אויטאָריטעט אין דעם דאָזיקן געביט?

בלעטערנדיק דעם קסאוויאד 1—44, געפינען מיר א שליסל צו דער דאָזיקער רעטעניש. אין בלאַט 11, פאר דער ליד, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אפּתּחה שערי רנני" (איך עפן די טויערן פון פריידגעזאנג), איז פאראן א באלערעוודיקע מיטיילונג אין אראביש מיט העברעישע אויסיִעס: „מײַן לערער, דער שייך (זאָקן) אבו-אלעלא (לייען — אלאלא), דער יוּוועליר האָט מיר דערציילט, דאָס, וואָס עס האָט אים מיטגעטיילט אונדזער הער יעהודע האלייווי — זאָל גאָט מיט זיי ביידע

[1] בין צבאות שעיר וקדר אכד צבאי ונעדר... וכאשר להלהם ישוטטו להרג ואבדן ילקטו לאחד אחד בני ישראל... יום שד משדי אתה... גזרה נגזרה ובאה מאת אדני יצאה למהית עיר ואם בישראל... וביום אשר הבקעה העיר יצאה נקמת בני שעיר... חללים הוצותם מלאו... אחר עבר חרב נקמה שביה ורעב וצמא קדמו את בני ישראל.

זיַין צופרידן, — אז די דאָזיקע ליד איז די ערשטע, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין דער יוגנט" (אכברני אסתאדי אלשיך אבן אלעלא אלצאיג ען מרי' יהודה הלוי רצי אללה ענהמא אן הדא אלקטעה או למא קאלה והו חדת אלסן).

מיר אידענטיפיצירן דעם נאָמען אבו-אלעלא מיטן נאָמען פון יעהודע האַלייוויס פריַינט בו-אלעלא, וועגן וועלכן מיר דערוויסן זיך אדאנק זיַין בריוו צו יעהודע האַלייווין, וועלכן ס'האָט געפונען און פארעפנטלעכט ש. ד. גויטיין (זע די ביַילאגע). אויב אזוי, איז דער צוזאמענשטעלער פון יעהודע האַלייוויס דיוואַן געווען א טאַלמיד פון יעהודע האַלייוויס באַוווסטן פריַינט אבו-אלעלא, אָבער וויאזוי מע האָט גערופן דעם דאָזיקן טאַלמיד, בליַיבט א שיַילע. ק. סטאַרקאָווא האָט אַרויסגעזאָגט א השערע, אַז דער צונויפשטעלער פונעם קסאַוויאַד 1—44 איז געווען דער אויבנדערמאָנטער דאָוויד בען מיַימאָן. אויב דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, וועט עס געוויס זיַין ביז גאָר אינטערעסאַנט.[1]

„יונים ירונו כמוני כהם"

צום ערשטן מאָל פובליקירן מיר נאָך איין אומבאַוווּסטע ליד פון יעהודע האַלייווי, פון גאָר אַן אַנדער זשאַנער: „יונים ירונו כמוני כהם" (מיט מיר זינגען טויבן). מיר האָבן זי געפונען אין פיר קסאַוויאַדן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק. פּראָפעסאָר כ. שירמאַן טיילט מיט אין זיַין ווערק „שירים חדשים מן הגניזה" (ניַיע לידער פון דער געניזע, יערושאָלאַיִם, 1965, ז. 232), אז אין צעשעדיקטן און צעריסענעם אין פיל ערטער קסאַוויאַד פון דער טיילאָר-שעכטער-זאַמלונג (ניַיע סעריע, 194, נומער 43) איז אויך פאַראַן די דאָזיקע ליד.

אין אָנהייב פון די סטראָפעס לייענט זיך דער נאָמען יהודה, אזוי

---

[1] ק. ב. סטאַרקאָווא האָט אין איר רעפעראַט אפן צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס פון די מיזרעך־פאָרשער אין מאָסקווע (1960) אַרויסגעבראַכט דאָ און אַנדער נאָמען: „אבו סהל בן... גלא". איך האָב די דאָזיקע צושריפט געפאָרשט גרינטלעך צוזאַמען מיטן דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן וו. וו. לעבעדיעוון, און מיר זיַינען געקומען צו אן איינשטימיקן אויספיר, אַז דער נאָמען איז אבו־אלעלא. מיר האָבן דאָ יעדן אָס און זיַין שפור שטרענג דורכגעקאָנטראָלירט (זע *К. Б. Старкова, редакции «Дивана Иехуды Халеви» согласно ленинградским фрагментам. Москва, 1960, стр. 6).*

ווי אין פיל אקראָסטיכן פון יעהודע האַלייווי. אַלע דערמאָנטע קסאוויאַדן שרײַבן צו די ליד יעהודע האַלייווין.

יונים ירונו   כמוני כהם
על־בין משאבים   זכו מימיהם
יונים
הומים על־ימים   הלכו בלי חמדה
וזמן פירוד כי   חלף בימיהם
יונים
ואזכור דודי   גדי יונתי
כי עבר עלי   ריח בשמיהם
יונים
דמים שופכת   הסירי חרב
מלבות כי אין   גואל לדמיהם
יונים
הסבי את עי   ניך מנגדי
עפרה כי לביא   וליש מהם

ביידע אָקאָרשט פובליקירטע לידער, גענומענע פון פאַרשיידענע דיכטערישע זשאַנרען, באַשטעטיקן די אָפּשאַצונג פון יעהודע האַלייוויס פּילזײַטיקן טאַלאַנט, וועלכע ס'האָט געגעבן יעהודע אַלכאַריזי אין זײַן בוך „תחכמוני" (טאַכקעמאָני, פאַרפאַסט נאָכן 1216): „ער איז אַרײַן אין שאַצקאַמער פון דער פּאָעזיע און צוגערויבט זײַנע רײַכטימער. אַרויסגייענדיק פון דאָרטן, האָט ער פאַרשלאָסן נאָך זיך דעם טויער. די אַלע, וואָס פאָלגן נאָך זײַנע טריט און לערנען די קונסט פון זײַנע שירים, האָבן ניט דערגרייכט דעם שטויב פון זײַנע רײַטוועגנער. אַלע דיכטער טראָגן זיך אַרום מיט זײַנע רייד און קושן זײַנע פיס".

אייניקע זשאַנרען פון יעהודע האַלייוויס דיכטונג כאַראַקטעריזירט יעהודע אַלכאַריזי אַפן פאָלגנדיקן אויפן: „די שפּראַך פון זײַנע פּיוטים איז לויטער און געשליפן... אין די לײַדנשאַפטלעכע ליבע־לידער איז זײַן שפּראַך געגליכן צו א פלאַסט טוי, און עס פינקלען פון איר פײַערפולע קוילן. מיט זײַנע עלעגיעס שפּאַלט ער און לאָזט רינען דעם טרערןוואָלקן. ווען ער שרײַבט א בריוו אָדער א מעגילע, געפינסטו דאָרט די פײַנסטע פראַזעאָלאָגיע, גלײַך ווי מע וואָלט זי אוועקגעאַנוועט בא די הימל־שטערן".

א שוימרווינישע איבערזעצונג פון סעאַדיעס „באקאָשע"

סעאַדיע-גאָען (881—942) איז אריין אין דער העברעיִשער ליטעראטור-געשיכטע אונטערן טיטל, מיט וועלכן עס האָט אים געקרוינט אווראָהאָם איבן-עזרא: „ראש המדברים בכל מקום" (דער הויפּט-רעדנער אומעטום). דעם אויסדרוק האָט א. איבן-עזרא אנטליִען פון דער געמאָרע, ווו מיט דעם דאָזיקן ביינאָמען איז אָנגערופן איינער פון די לעצטע טאלמידים פון ראבי אקיווע — דער באוווסטער טאנע פונעם פערטן טאנאָים-דאָר יעהודע בען איִלאאי.

דעם בעקאָוועדיקן טיטל האָט סעאַדיע-גאָען קאָשער פארדינט אדאנק זיין ערודירטקייט, ברויזנדיק לעבן, וואָס איז דורכגעגאנגען אין קאמפן און דיספּוטן מיט די קעגנער.

סעאַדיע-גאָען איז א מאָנאָליטע פּערזענלעכקייט. יעדער אקט פון זיין געזעלשאפטלעכער און ליטערארישער טעטיקייט איז ענג פארבונדן איינער מיטן אנדערן.

סעאַדיע-גאָען האָט זיך שטענדיק געפונען אין סאמע צענטער פון די וויסנשאפטלעכע און רעליגיִעזע מאכלויקעסן פון זיין צייט.

עס דוכט זיך, וואָס קאָן זיין פארשטענדלעכער, ווי דער קאלענדאר, וועלכער איז געווען נאָך פון פיל דורעס פריִער באשטימט, אָבער אויך אף דעם געביט האָבן זיך צעפלאקערט שטרייטן. סעאַדיעס קעגנער איז געווען בען מעיִר. די מאכלויקעסן בא ייִדן וועגן קאלענדאר-פראגן זיינען ניט דורכגעגאנגען אומבאמערקט, אפילע אין ניט-ייִדישע קרייזן. אָט וואָס עס האָט געשריבן אין זיין „געשיכטע" אין 1018—1019 איליא באר דינאיא (975—1056), דער סירישער מיטראָפּאָליט פון דער שטאָט נעציווין[1]: „אין יאָר 1232 לויטן גריכישן קאלענדאר (דה. 920 אָדער 921

[1] נעציווין, אָדער נעסיבין — א שטאָט אין איראק. שוין אין ערשטן יאָרהונדערט פאר דער היינטיקער צייט־רעכענונג איז דאָרט געווען א צעצווייגטע ייִדישע קעהילע. אין מיטלאלטער האָבן אין נעציווין געלעבט פיל ייִדן און סיריער־קריסטן. די באוווסטע ייִדישע רייזנדער פונעם 12־טן יה. בינייאָמין פון טודעלא (שפּאניע) און פּעטאכיע פון רעגענסבורג (א שטאָט אין באווארייע) האָבן געשריבן אין זייערע רייזע־ביכער וועגן א קאָמפּאקטן ייִדישן יישעוו אין דער דאָזיקער שטאָט.

יאָר. — ל. וו.) איז אויסגעבראָכן א שטרײַט צווישן די ייִדישע קעהילעס אין מיזרעוו און אין מיזרעך באַם אויסרעכענען זייערע יאָמטויווים. די מיזרעוודיקע ייִדן האָבן אָפּגעמערקט ראָשעשאָנע דינסטיק און די מיזרעכדיקע — דאָנערשטיק".

בא סעאַדיען קאָן מען געפינען „טשוּוועס" די קאראִימער און פּערזענלעך בען אשערן[1], וועלכער איז ארויסגעטראָטן קעגן דעם טאַלמוד, און „אַפּיקאָרסים", ווי אויך מאטעריאַלן וועגן דעם גלויבן פון די מוסולמענער און קריסטן.

סעאַדיע-גאָען איז געווען דער ערשטער געלערנטער-ענציקלאָפּעדיסט בא ייִדן. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט די העברעִישע און אראמעִישע ליטעראַטורן, איז געווען גוט באהאוונט אין דער אראבישער און גריכישער פילאָסאָפיע, אין דער העברעִישער, אראמעִישער און אראבישער שפּראכן. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט פאיום (מיצראִים). אין סורא האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס גאָען, און אין באגדאד האָט ער זיבן יאָר געלעבט, אויסבאהאלטנדיק זיך פון דעם גרימצאָרן פונעם דעמלטיקן ראָש האגאָלאָ[2] דאָוויד זאקאַי.

די ביבליאָגראפיע פון סעאַדיעס ווערק האָבן אָנגעהויבן צוזאמענשטעלן זײַנע קינדער. זייער רעשימע איז אָבער דערגאנגען צו אונדז אין א שלעכטן צושטאנד, עס פעלן אייניקע ווערק. אווראָהאָם בען דאָוויד האליוויי (1110—1180), דער היסטאָריקער, פילאָסאָף און אסטראָנאָם, דערציילט אין זײַן „ספר הקבלה" (דער קאבאָלע-בוך) וועגן סעאַדיעס אייניקע ליטערארישע ארבעטן, וועגן זײַנע ארויסטרעטונגען קעגן די קאראִימער און אנדערע „אומגלויביקע".

עס האָט א גרונט די האשאָרע, אז אייניקע ווערק פון סעאַדיע-גאָען זאָלן זײַן ארײַנגעפלאָכטן אנאָנים אין זאמלביכער אָדער אין פרעמדע ארבעטן. י. צינבערג, לעמאָשל, ווײַזט אָן, אז אין דעם „ספר חסידים" (כא-

---

[1] בען אשער (10 יה). האָט פעסטגעשטעלט די אזויגערופענע „מסורה" (מאָסאָרא) — (אָרטאָגראפיע, טראָפּן און גראמאטיק פונעם טאנאך), זײַן קעגנער איז געווען בען נאפטאָלי. אין דער וויסנשאפט איז אָנגענומען די סיסטעם, וועלכע ס'האָט אויסגעארבעט בען אשער.

[2] ראָש האגאָלא (דער הויפּט פון דער דיִאספּאָרע) — אזוי האָט בעמעשעך פון ארום 800 יאָר זיך אָנגערופן דער וועלטלעכער און רעליגיִעזער פירער פונעם ייִדישן קיבוץ אין באָוול. ענלעכע רעכט האָט געהאט דער אזויגערופענער „נאסי" אין פאלעסטינע און דער „נאָגיד" אין מיצראִים.

סידים-בוך), וואָס איז צוזאמענגעשטעלט פון באזונדערע ווערק פון דרײַ מעכאברים, האָבן די שפּעטערדיקע איבערשרײַבערס ארײַנגעשטעלט גאַנצע מײַמאָרים און פראגמענטן פון פריערדיקע מעכאברים און בעסויכעם פון סעאדיעס „ספר תשובה" און אנדערע (צינבערג, י. די געשיכטע פון דער ליטעראטור בא ייִדן. ווילנע, 1930, ב. 2, ז. 52, 53).

אדאנק די פאָרשונגען פונעם הײַנטצײַטיקן געלערנטן נעכעמיע אלאָני (1906—1983) דערוויסן מיר זיך וועגן אײנעם פון סעאדיעס לערער פון דער העברעיִשער שפּראך און גראמאטיק. דאָס איז געווען עלי בען יעהודאָ, דער אזויגערופענער „נאָזיר", דער אווטאָר פון „די יעסוידעס פון דער העברעיִשער שפּראך" (אין אראביש). בא אים האָט זיך געלערנט סעאדיע אין די יאָרן 915—920. דער אראבישער היסטאָריקער און געאָגראף אלמאסאודי (געשט. 958) דערציילט, אז סעאדיע איז געווען א טאלמיד פונעם שרײַבער פון טוועריע אבו-קאסיר (געשט. 932—933). יעהודע בען בארזילײַ פון בארסעלאָנע (11—12 יה.) האָט געשריבן, אז דער בארימטער פילאָסאָף דאָוויד אלמעקאמעס איז געווען סעאדיעס א לערער.

סעאדיע פלעגט זיך ניט באנוגענען מיט זײַנע אומיטלבארע לערער. ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט אנדערע געלערנטע, טיילנדיק זיך מיט זײַנע אָנשויונגען וועגן פארשיידענע פראגן. אָט, לעמאָשל, האָט דונאש בען טאמים (900—970), א באוווּסטער אסטראָנאָם, רויפע, פילאָסאָף און גראמאטיסט, וועלכער האָט געלעבט אין דער שטאָט קיירואן (טוניס), דער אווטאָר פון עטלעכע ארבעטן וועגן אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק, ווי אויך פון א פראקטישער גראמאטיק פון דער העברעיִשער און אראבישער שפּראכן, געשריבן אין זײַנער א פאָרעדע צום פיירעש אפן „ספר יצירה", אז סעאדיע פלעגט, לעבנדיק נאָך אין זײַן געבורטסשטאָט פאיום, גאַנץ אָפט שיקן זײַנע ווערק קיין קיירואן „צו אונדזער זאָקן ייִצכאָק בען שלאָמע, ווענדנדיק זיך מיט פארשיידענע שײַלעס וועגן די „כאָכמעס כיצויניעס" (דה. ניט-רעליגיִעזע, וועלטלעכע דיסציפּלינען).

די גלענצנדיקע בילדונג, וועלכע סעאדיע האָט באקומען, האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט צו שאפן זײַנע ווערק אף צוויי שפּראכן — העברעיִש און אראביש.

באוווּסטע דיכטער, שפּראכפאָרשער, איבערזעצער און סטאם געלערנטע האָבן בעמעשעך פון דוירעס זיך באצויגן מיט פּיִעטעט צו דער

רײַכער אַראַבישער שפּראַך, אַף וועלכער די ייִדן פֿלעגן אין מיטלאַלטער אין אַ רײ לענדער זיך באַנוצן אין טאָגטעגלעכן געברויך, און ייִדישע געלערנטע האָבן געשאַפֿן אַף איר אַ גרויסע צאָל פֿון זייערע ווערק. דער בעסטער אײדעס אין דעם זין איז יעהודע איבן טיבאָן (1120—1190), דער אָזויגערופֿענער „ראָש המעתיקים" (דער הויפּט פֿון די איבערזעצער). ער האָט איבערגעזעצט פֿון אַראַביש אין העברעיִש „די כוונות פֿון די הערצער" — דאָס פֿילאָסאָפֿישע ווערק פֿון באַכיאַ איבן פּאַקודאַ (1040—1110), יעהודע האַלײווים (1085—1141) „כוזרי" (קוזרי) — אַ דיספּוט פֿון אַ ייִדן מיטן מײלער פֿון די כאַזאַרן, וועלכער האָט זיך דערנאָך מעגײַער געווען, „מבחר הפנינים"—„אויסדערוויילטע פּערלען", זאַמלבוך פֿון אַפֿאָריזמען און גלײַכווערטלעך, וועלכע די ייִדישע טראַדיציע שרײַבט צו דעם פֿילאָסאָף און דיכטער שלאָמאָ איבן גאַבירעל (1020—1050), „ספר הרקמה" (דאָס געוועב-בוך) און „ספר השרשים" (דער בוך פֿון וואָרצלען) — לעקסיקאַליש-גראַמאַטישע ווערק פֿון איבן דזשאַנאַך (990—1050), סעאַדיע גאָענס פֿילאָסאָפֿיש ווערק „האמונות והדעות" (גלויבנס און ווײסנשאַפֿטן) און אַנדערע. דער דאָזיקער אויטאָריטעט, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט פֿאַרשײדענע ליטעראַטור-זשאַנרען, האָט געגעבן אַ פֿאָלגנדע כאַראַקטעריסטיק דער אַראַבישער און העברעיִשער שפּראַכן: „די אַראַבישע שפּראַך איז זייער רײַך און ברייט. מע קאָן אין איר זייער לײַכט איבערגעבן יעדע פּראָבלעם, יעדן געדאַנק מיט אַלע ניואַנסן, ניט ווי די העברעיִשע שפּראַך, וואָס איר צאָל ווערטער און אויסדרוקן איז זייער באַגרענעצט. מיר שעפּן אַלץ פֿון איין קוואַל — פֿון דעם טאַנאַך. דאָס קאָן אָבער ניט באַפֿרידיקן אַלע באַדערפֿענישן... מיר זײַנען דערפֿאַר ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן אין אַ שיינער פֿאָרם אַזוי קלאָר און דײַטלעך אונדזערע געפֿילן אין העברעיִש, ווי עס געלינגט אונדז אין אַזאַ רײַכער שפּראַך ווי אַראַביש".

סעאַדיע גאָענס אָריגינאַליטעט לאָזט זיך מערקן אַף אַלע געביטן פֿון זײַן ווײסנשאַפֿטלעכער טעטיקייט. ער איז דער אָנפֿאַנגער פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע בא ייִדן. זײַן „האמונות והדעות" (גלויבנס און ווײסנשאַפֿטן) האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין פֿילאָסאָפֿישן אַרט דענקען פֿון די קינפֿטיקע געלערנטע און בעסויכעס פֿונעם ראַמבאַם. ער האָט אויסגעטראָטן דעם וועג צום ווײסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן די לעקסיק און גראַמאַטיק פֿון דער העברעיִשער שפּראַך. אין דעם פֿראַט האָט אים זייער מיטגע-

האָלפן זייַן פּערפעקט קענען די צוויי שוועסטער-שפּראַכן פון העברעיש: אַראַביש און אַראַמעיש. זייַן ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט — דער ווערטערבוך „אגרון" (עגראָן), וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אַראַביש און העברעיש אין 902 יאָר, ווען ער איז נאָך געווען אין פאַיום, ווי אויך זייַנע אַנדערע פילאָלאָגישע אַרבעטן, לעמאָשל, א פאַרשונג וועגן „70 ווערטער, וואָס טרעפן זיך אין טאַנאַך צו איין מאָל", א בוך וועגן „די גאָרגלקלאַנגען" אין העברעיש, א גראַמאַטיש-לעקסיקאַלישע פאַרשונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פיל טיילן אונטערן טיטל: „צחות לשון העברית", — האָבן געגעבן א געהעריקן שטויס צום ווייַטערדיקן פאַרשן די העברעישע שפּראַך. עס זייַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פיל מיינונגען פאַר און קעגן אייניקע סעאַדיעס אידייען אין זייַנע פילאָלאָגישע אַרבעטן. אַלע האָבן אים אָבער געשעצט אַלס אָנהייבער, אַלס נאָוואַטאָר אַפן געביט פון דער העברעישער פילאָלאָגיע.

נעמענדיק אין אַכט די דאָמינירנדיקע ראָל פון דער פּאָעזיע אין דער ליטעראַטור בא ייִדן אין יענע צייַטן, האָט סעאַדיע געשריבן זייַן ווערטערבוך קוידעמקאָל פאַר די דיכטערס וועגן, שטרעבנדיק צו זייַן זיי באַהילפיק באַם צוזאַמענשטעלן גראַמען און אַקראָסטיכן. דער „אגרון" שטעלט מיט זיך פאַר אַן אַלגעמיינעם ווערטערבוך אין העברעיש, ווו עס איז אייַנגעשלאָסן די לעקסיק פונעם טאַנאַך, פון טאַרגום און געמאָרעלאָשן און א ביסל אויך די פּייטאָנים-שפּראַך. די אַרטיקלען אינעם ווערטערבוך זייַנען געבראַכט אין צוויי פאַרשיידענע אַלעפבייס-רייען: איינער — לויטן געוויינלעכן סיידער פון די אויסיעס פון די געבראַכטע ווערטער, דער צווייטער — לויט זייער פאַרקערטן סיידער, לויט די ענדן פון די ווערטער. סעאַדיע באַמערקט דערבייַ, אַז דאָס טוט ער לעטויוועס די דיכטערס וועגן, זיי זאָלן לייַכטער קאָנען געפינען פאַר זיך די נייטיקע גראַמען. אויסער דעם, האָט דער „אגרון" געהאַט אייַנגעשלאָסן אין זיך א כיבער וועגן דער פּאָעטיק.

סעאַדיעס איבערזעצונג פונעם טאַנאַך אין אַראַביש איז א טעמע פון א ריי פאַרשונגען. די דאָזיקע איבערזעצונג האָט פאַרינטערעסירט ניט נאָר ייִדן, קאַראַימער, שומרונים (וועגן דער האַשפּאָע פון סעאַדיעס איבערזעצונג אַף די שומרונים האָט געשריבן א. א. האַרקאַווי, אַנאַליזירנדיק די שומרונישע קסאַוויאַדן, וואָס געפינען זיך אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק, — סאַנקט-פּעטערבורג, 1875), נאָר אפילע

אראבער. וועגן דעם זאָגט איידעס דער אויבנדערמאָנטער געלערנטער אלמאסאודי, וועלכער שרייבט, אז די מערהייט קאָמענטארן און איבערזעצונגען פון „די 24 ספרים", דה. דעם טאנאך, האָבן מיר „מיט די אייגענע אויגן געזען" און אז צו סעאדיעס פיירעש „באציִען זיך פיל מיט אויסערגעוויינלעכער כשיוועס". סעאדיעס אראבישע איבערזעצונג און קאָמענטארן זיינען דורכגעדרונגען מיט זיינע אידעאָלאָגישע אָנשויונגען.

סעאדיע-גאָען איז געווען אן אויסגעצייכנטער פאָעט. ער האָט אָנגעשריבן הונדערטער פיוטים און לידער אין פארשיידענע זשאנרען. די העברעיִשע פּאָעזיע ווייסט ניט פון קיין צווייטן דיכטער, וועמענס שאפונג זאָל, פון איין זייט, זיין געשריבן לויט די מאנירן פון די אלטע פייטאָנים מיט זייער שווערן, פארדרייטן סטיל, באפּעפּערטן מיט דער סימבאָליק פון מעדראָשים, און פון דער אנדערער, געשריבן פּאָשעט, קימאט אף א ריין טאנאכישן העברעיִש, באריַיכערט מיט פילאָסאָפישע טערמינען. א באזונדער אָרט פארנעמט סעאדיעס „אשא משלי" (עסא מעשאלי, איך טראָג מיין מאָשל) — זיין געגראמטע פּאָלעמיק מיט כיווי האבאלכי.

ניט אזוי לייכט, ווי עס קאָן זיך דוכטן, קומט אויס פעסטצושטעלן די דיכטערישע ווערק, וועלכע געהערן סעאדיע-גאָען. לויטן פּראָפ. עזרא פליישער (יערושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט), פלעגט זיך סעאדיע-גאָען אין אייניקע פון זיינע אקראָסטיכן כאסמענען ניט מיטן אייגענעם נאָמען, נאָר: „שלמה" אָדער „שלמה יזכה" (שלאָמאָ ייזקע — שלאָמאָ וועט זויכע זיין, געמיינט: האָבן אוילעמהאבע). עס רופט, עמעס, ארויס וווּנדער, וואָס סעאדיע-גאָען באנוצט זיך גראָד מיט די זעלבע כסימעס, וואָס טרעפן זיך — און דאָס מאָל מיט רעכט — באם דיכטער שלאָמאָ סוליימאן אל־סאנדזשארי, וועלכער פלעגט זיך אונטערכאסמענען אין זיינע אקראָסטיכן: „שלמה", „שלמה יזכה", ווי אויך „שלמה חזן" (שלאָמאָ כאזאן, געמיינט: „שלאָמאָ דער דיכטער"). דעריבער דארף מען זיין געבענטשט מיט א באזונדערס ראפינירטן כוש, קעדיי קענען פעסטשטעלן, ווער עס איז דער אוטאָר פון דער אָדער יענער ליד אָדער פיוט: סעאדיע-גאָען אָדער אן אנדערער.

אין צוויי ביכער — פון ע. פליישער און ד. פאגיס — ווערט אויסגעפאָרשט די האשפּאָע, וועלכע ס'האָט געהאט סעאדיעס דיכטונג אף די קומענדיקע דוירעס.

פלײשער װײַזט אָן, אַז סעאַדיע איז אַ נאָװאַטאָר אין דער פּאָעזיע פון יענער צײַט. ער האָט דער ערשטער אין דער העברעיִשער דיכטונג געשאַפן סטראָפישע לידער, געבױטע לױט די מוסטערן: א־ב־א־ב (דה. די דריטע שורע גראַמט זיך מיט דער ערשטער און די פערטע מיט דער צװײטער) און א־א־א־ב, ג־ג־ג־ב, ד־ד־ד־ב אאַז"װ. דה., די ערשטע דרײַ שורעס אין יעדער סטראָפע האָבן אַן אײגענעם גראַם, און אַלע פערטע שורעס פון דער גאַנצער ליד האָבן אױך אַ געמײנזאַמען (אַנדערן) גראַם. סעאַדיע איז אַ נאָװאַטאָר אין געביט פון דער לעקסיק. ער באַנוצט זיך מיט נעאָלאָגיזמען, װעלכע ער האָט אַלײן געשאַפן, אַרױסגײענדיק פון אַ רײ לעקסיקאַלישע און גראַמאַטישע האַנאַכעס.

ע. פלײשער פאַרשט נאָך די האַשפּאָע פון סעאַדיע־גאָען אױף די דיכטער יִצחק איבן דזשיקאַטילאַ (1248—1305) און יִצחק בען רעאוװײן אַלבּרעגלאַני, װי אױך — אױף װיפל די אַבסטראַקטע ראַיױנעס, װאָס װערן געבראַכט אין די לידער פון נעכעמיאַ בען שלאָמאָ, זײַנען באַװירקט פון סעאַדיע־גאָען.

פלײשער האַלט, אַז די פּאָעטישע װערק, װעלכע ס'האָט געשאַפן סעאַדיע־גאָען, װי אױך די װערק, װעלכע זײַנען געשאַפן אין סעאַדיעס דאָר אין די מיזרעך־לענדער ביכלאַל, שטעלן מיט זיך פאָר די שװאַלבן, װאָס האָבן פאָרױסגעזאָגט דעם גרױסן שפּרונג פון דער העברעיִשער פּאָעזיע אין שפּאַנישן באָדן.

סעאַדיע האָט אױך געשריבן פּראָזע־װערק. װי עס טרעפט גאַנץ אָפט, װען אַ דיכטער שרײַבט אין פּראָזע, קומט עס אױס אױך אַ מין פּאָעזיע. דאָס זעלבע איז געשען מיט בײדע „באַקאָשעס" פון סעאַדיע־גאָען, װי אױך מיט זײַן האַקדאָמע צום װערטערבוך „אַגרון" (עגראָן). די דאָזיקע װערק זײַנען געשריבן אין אַ פּרעכטיקן העברעיִש, זײער זשאַנער איז — „דיכטערישע פּראָזע". סעאַדיע האָט דאָ אױסגעמיטן נעאָלאָגיזמען, מיט װעלכע ער האָט זיך באַנוצט אין זײַנע פּאָעטישע װערק. די „באַקאָשעס" אַנטהאַלטן, צװישן אַנדערס, אױך ציטאַטן פון טאַנאַך. די לעקסיק פונעם מעדרעש איז אױסגענוצט אין זײ אױף אַ מינימאַלן אױפן.

דער פּרעכטיקער אינטימער סטיל, אין װעלכן ס'זײַנען פאַרפאַסט בײדע „באַקאָשעס", הױפּטזאַכלעך די צװײטע, האָט צוגעצױגן צו זיך די אױפמערקזאַמקײַט פון טױזנטער שעצער פונעם העברעיִשן װאָרט.

די פּאָפּולאַריטעט פון די „באַקאַשעס" איז געווען אַן אומגעהייערע. וועגן זיי האָט אַווראַהאַם איבן-עזרא געזאָגט, אַז „קיין שום אויטאָר האָט אַזעלכס ניט אָנגעשריבן" („שלא חבר מחבר כמוהם").

סעאַדיעס „באַקאַשעס" האָבן געפונען נאָכפאָלגער. לויט עזראַ פליישערן, איז די באַרימטע באַקאַשע „כתר מלכות" (די קרוין פון מאַל-כעס) פון שלוימע איבן גאַביראָל „אַ זעלטן געלונגענע און אויסגעצייכנ-טע נאָכמאַכונג פון סעאַדיעס „באַקאַשעס", סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן סטיל".

אויף דעם זעלבן אויפן האָבן געשאַפן זייערע „באַקאַשעס" באַכיא איבן פּאַקודאַ (1040—1110) — דער אויטאָר פונעם פילאָסאָפישן בוך „חובות הלבבות" (די כויוועס פון הערצער) און יעהודע האַליעווי, וועמענס געגראַמטע „באַקאַשע" איז אַן אויסערגעוויינלעך געלונגענע.

ע. פליישער האַלט, אַז די האַשפּאָעס פון סעאַדיעס „באַקאַשעס" לאָזן זיך מערקן אין די שאַפונגען פון די פּייטאָנים פון צענטראַל-אײראָפּע. אַ צווייטער פאָרשער — י. פאַגיס — איז געקומען צו אַ מערק-ווירדיקן אויספיר, אַז די געוויינלעכע פּראָזע-שפּראַך, אויף וועלכער מע פלעגט שרייבן בריוו, פאַרשונגען, קאָמענטאַרן, מוסער-ווערק און רעטאָ-רישע שאַפונגען, זיינען באַווירקט געווען פונעם סטיל פון סעאַדיעס „באַקאַשעס" און פון זיין האַקדאָמע צום ווערטערבוך „אגרון". לויט פאַ-גיסן, קומט אויך אויס, אַז אונטער דער דאָזיקער האַשפּאָע האָט זיך געפונען יעדאַיאַ האַפּעניני (1270—1340), ווען ער האָט געשריבן זיין מוסער- און אַפאָריזמען-בוך „בחינת עולם" — אַ ווערק, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער און האָט אויסגעהאַלטן העכער 80 אויסגאַבעס (אַגעוו, איז עס אויך באַוווּסט אין דער איבערזעצונג אין יידיש).

צעמאַך בען יעהאָשואַ (11-טער יה). האָט געשריבן, אַז פיל טאַל-מידים באַמיען זיך אויסלערנען די „באַקאַשעס" אויף אויסווייניק. ביז היינט-צו-טאָג זיינען ניט באַוווּסט די וועגן, דורך וועלכע די „באַקאַ-שעס" האָבן זיך פאַרשפּרייט אומעטום, ווו עס זיינען נאָר געווען יידן: אין טיימען, באָוול, סיריע, פּאַלעסטינע, מיצראַים, שפּאַניע, צאָפן-אַפריקע, רומעניע, איטאַליע, דייטשלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער.

פון די „באַקאַשעס", פון ביידע צוזאַמען אָדער פון יעדער באַזונ-דער, פלעגט מען מאַכן קאָפּיעס, אין די אַראַבישע לענדער — בלויז פון דער איבערזעצונג. די ערשטע „באַקאַשע" האָט איבערגעזעצט אויף אַראַ-

ביש צעמאַך בען יעהאָשוא. די צווייטע — סעאַדיע אליין. עס איז באַוווּסט א קאָפּיע פון סעאַדיעס איבערזעצונג, וועלכע ס'האָט געמאַכט אזאַריא בען דאָוויד אין דער שטאָט אשקעלאָן אין 1061.

וואָס איז שייך דעם טעקסט פונעם אָריגינאַל און פון זיין אַראַבישער איבערזעצונג, איז עס זייער א זעלטענע דערשיינונג. דאָקטאָר י. יאָעל, י. דאַווידזאָן און ש. אסאַף דערמאָנען בלויז דריי אזעלכע קסאָוויאַדן אין אָקספאָרד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אַראַבישע איבערזעצונג פון ביידע „באַקאָשעס", איין פראַגמענט אין עלכאַנאָן אַדלערס זאַמלונג, וואָס אנטהאַלט בלויז א קליינעם טייל פון דער ערשטער „באַקאָשע" (דער דאָזיקער פראַגמענט געפינט זיך אין ניו-יאָרק אין דער ביבליאָטעק פון דעם ראַבאָנים-סעמינאַר); דער קסאָוויאַד פון די פראַגמענטן פון דער געניזע, וואָס געפינען זיך אין דער אַליאַנס-ביבליאָטעק אין פּאַריזש.

דערפאַר טאַקע האָב איך מיט גרויס באַוווּנדערונג און מיט פרייד באַמערקט אין דער 9-טער אָפּטיילונג פון דער פירקאָוויטשער שומרונישער זאַמלונג, וואָס באַשטייט פון ליטורגישע רעליגיעז-דיכטערישע מאַטעריאַלן, א פראַגמענט פון אן אומבאַוווּסטער שומרונישער באַאַרבעטונג פונעם העברעישן אָריגינאַל פון סעאַדיע-גאָענס צווייטער „באַקאָשע", באַאָרגט מיט אן אייגנאַרטיקער אַראַבישער איבערזעצונג. דער העברעישער און אַראַבישער טעקסטן זיינען געשריבן מיט שומרונישע אויסיעס, כוץ אייניקע אַראַביש געשריבענע ווערטער. דער פראַגמענט איז אויף צוויי פּאַפּירענע, ערטערוויי צעשעדיקטע בלעטער, אָנגעשריבן פון ביידע זייטן אין צוויי שפּאַלטן. דער רעכטער שפּאַלט אנטהאַלט דעם העברעישן טעקסט, דער לינקער — די אַראַבישע איבערזעצונג. די גרייס פון די בלעטער איז 27,5 אויף 19,7 סמ., די הייך פון די שפּאַלטן — 20 און די ברייט, צוזאַמען מיטן אינטערוואַל, וואָס צווישן די שפּאַלטן — 12,2 סמ. דער טעקסט הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „טוב ואל רע" (גוט און ניט שלעכט) פונעם 28-טן אבזאַץ (שטימט מיט דער אָפיציעלער אויסגאַבע פון י. דאַווידזאָן און אַנדערע. ז. 73, שורע 7) און ענדיקט זיך מיט די ווערטער „וכל הכשר חציר וכל" (34-טער אבזאַץ, לויט דער אָנגעוויזענער אויסגאַבע: ז. 76, שורע 10).

אויפן זעלביקן אופן, ווי דער דאָזיקער פראַגמענט, זיינען געשריבן די איבעריקע בלעטער פון דעם קסאָוויאַד, ווי אויך פון נאָך צוויי אַנ-

דערע קסאַוויאַדן. אף עטלעכע בלעטער פון איינעם פון די דאָזיקע קסאַוויאַדן לייענט זיך פאָלגנדיקער „טאַשקיל“[1]: „מכתב זה הכנוש היפה כתב העני הצריך לרחמי יהוה נגמה בן יוסף“ (די דאָזיקע שיינע זאַמלונג האָט געשריבן דער אָרעמער, וואָס נייטיקט זיך אין ראַכמאָנעס פון גאָט נאַגאַמאַ בען יוסעף). עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער „טאַשקיל“ איז געווען פיל גרעסער און האָט אַנטהאַלטן נאָך ידיעות וועגן דער צײַט און אָרט פונעם קסאַוויאַד, די וואַסער־צייכנס פונעם פּאַפּיר — אַ טורעם מיט אַ ציילעם — זײַנען אַ גוטער איידעס, אַז דער קסאַוויאַד שטאַמט פון דער צווייטער העלפט פון 15־טן יה.

פון די אַלע דרײַ קסאַוויאַדן אין דער פירקאָוויטש־זאַמלונג צוזאַמען באַקומט זיך אַ פאָרשטעלונג, אַז נאַגאַמאַ בען יוסעף האָט געשאַפן אַ זאַמלבוך אין שוימרויניש פון אויסדערוויילטע ווערק און זיי איבערגעזעצט (אָדער זיך באַנוצט מיט פריִערדיקע איבערזעצונגען) אין אַראַביש. דער צוזאַמענשטעל פון דעם דאָזיקן בוך איז ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטער. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, ריישיסקאַל, די עטלעכע און צוואַנציק אַלעפבייס־אַקראָסטיכן, געשריבענע אינעם שוימרוינישן אַלט־אַראַמעיִשן דיאַלעקט. בלויז איינער פון זיי איז געצאַסמעט „יוסף“. אויב ניט אַלע, געהערט אָבער די מערהײַט פון זיי אָן סאָפעק דעם קאַלאַם פון מאַרקע, וועלכן די שוימרוינים האַלטן מיט פולער רעכט פאַר זייער

[1] דער „תשקיל“ (טאַשקיל) איז אַ קאָלאָפאָן, וואָס ווערט באַשאַפן אף אַן אָריגינעלן אויפן. מע באַנוצט זיך מיט אים אין די שוימרוינישע קסאַוויאַדן, און ער איז ניט באַוווּסט אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור אין דער וועלט. די קונסט פון אַזאַ קאָלאָפאָן באַשטייט אין דעם, וואָס מע דאַרף אים שאַפן דורך אויסוויילן אף אַ ספּעציִעלן אויפן אויסיִעס פונעם געשריבענעם טעקסט אַזוי, אַז עס זאָל זיך לייענען פון אויבן אַראָפּ (ווי אין דער אַלט־מאָנגאָלישער אָדער אַלט־כינעזישער שריפט) דער געוווּנטשענער טעקסט פונעם „טאַשקיל“. דאָס ווערט דערגרייכט אף דעם פאָלגנדיקן אויפן.

צוערשט באַשטימט דער סויפער דעם נוסעך פונעם „טאַשקיל“. געוויינלעך אַנטהאַלט ער אָנגאַבן וועגן דעם קסאַוויאַד, וועגן דעם סויפער גופע, וועגן זײַן מעצענאַט, וואָס האָט בא אים באַשטעלט אָנשרײַבן דעם דאָזיקן קסאַוויאַד, וועגן דער דאַטע און אָרט, ווו מע האָט אים געשריבן.

דער טעקסט, ווו עס דאַרף זיך באַווײַזן דער „טאַשקיל“, ווערט געשריבן אין צוויי שפּאַלטן, און אינעם אינטערוואַל צווישן זיי לייענט זיך דער געוווּנטשענער טעקסט פונעם „טאַשקיל“. די אויסיִעס פונעם „טאַשקיל“ ווערן אויסגעוויילט פון איינצלנע ווערטער פונעם הויפּט־טעקסט. אויב דער געוווּנטשענער אָס פעלט אין דער פאָלגנדער שורע, זוכט מען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מע שטויסט זיך דערויף אָן.

גרעסטן דיכטער און געלערנטן און רופן אים אָן „בדואה דחכמתה" (דער גרינדער פון דער וויסנשאפט). די קונסט פון שרייבן לידער אין דער זעלבער מאניר, ווי מארקע, איז אָנגערופן אין דער שומרוינישער ליטע-ראטור מיט זיין נאָמען: „בית מרקה" (מארקעס הויז, מארקעס ליד). פיל פּאָעטן האָבן מיט דער צייט געפּרוּווט נאָכמאכן מארקען, נאָר קיינעם פון זיי איז ניט געלונגען צו דערגרייכן מארקעס זויבערן סטיל.

אין נאגאמאס זאמלבוך איז אויך פאַרגעשטעלט א פראגמענט פונעם פילאָסאָפישן ווערק „מאמר מרקה" — מארקעס וואָרט, — וואָס איז אָן צווייפל דאָס בעסטע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן ווען-ניט-איז א שומרוי-נער.

פּראָפ. ז. בען כאים (פּרעזידענט פון דער אקאדעמיע פון איווריט) האָט פעסטגעשטעלט אייניקע פּראָטים פון מארקעס ביאָגראפיע. מארקע איז א זון פונעם באַוווסטן דיכטער אמראם, וועלכן ס'האָט באפולמעכ-טיקט אָנפירן מיט א געוויסער געגנט און באשאָנקען מיטן טיטל „קוי-הען גאָדל", דער שומרוינישער קריגס-פירער, קעמפער פאר דער שומ-רוינישער אומאָפּהענגיקייט און רעפאָרמאטאָר פון זייער רעליגיעזן און געזעלשאפטלעכן לעבן באַווא ראבבא (308—362).

דער שומרוינישער פראגמענט איז מערקווירדיק פון פיל שטאנד-פונקטן. אַן און פאר זיך איז אינטערעסאנט, ווען א ווערק פון א שרייבער פון איין ליטעראטור טרעט איבער אין אַן אנדערער. דאָס איבערגיין פון א ווערק פון א מיטלאַלטערלעכן העברעישן שרייבער צו די שומרוינים איז גאָר א זעלטנהייט (עס קומט מיר איצט אפן זיקאָרן בלויז איין ווערק פונעם ראמבאם).

סעאדיעס „באקאָשע" אין שומרויניש איז ווייט ניט, ווי עס קען זיך דוכטן פונעם ערשטן אויגנבליק, קיין געוויינלעכע טראנסליטערא-ציע (דאָס איבערגעבן מיט אויסיעס פון איין קסאוו פאסיקע אויסיעס פון א צווייטן קסאוו). דאָס צופּאסן די „באקאָשע" צום געשמאק פון די שומרוינים אזוי, אז עס זאָל בא קיינעם פון זיי ניט ארויסרופן קיין כשאד אין ווידערשפּרעכיקייט צו די יעסוידעס פונעם שומרוינישן גלויבן, האָט געפאָדערט פונעם שומרוינישן אוטאָר אין א געוויסער מאָס ווירטואָזקייט. די שומרוינים, ווי באַוווסט, אין אונטערשייד פון די קאראימער, יידן און קריסטן, אנערקענען פונעם טאנאך בלויז דעם כומעש, דערצו נאָך אין א ספּעציפישער שומרוינישער רעדאקציע, וואָס

1*

האָט א גרויסע צאָל אָפּנייגונגען פונעם כומעש בא ייִדן. אין דער „באַקאָשע“ אָבער האָט זיך סעאַדיע באַנוצט מיט פיל ציטאַטן פונעם טאַנאַך אויסער כומעש. וויִאַזוי זשע איז זיך באַגאַנגען אין אַזעלכע פאַלן נאַגאַמאַ (אויב טאַקע ער אַליין זאָל זיין דער אַוטאָר פון דער שוימרוינישער איבעראַרבעטונג פון דער „באַקאָשע“)? טאָמער האָט ער באַמערקט, אַז מע האָט דאָ צו טאָן מיט א ציטאַטע פון „פּאָסעלע“ ביכער, האָט ער זי אין אייניקע פאַלן אינגאַנצן אויסגעמיטן, אין אַנדערע — פאַרביטן מיט א פּאַסיקער, לויט זיין אָפּשאַצונג, ציטאַטע פונעם שוימרוינישן כומעש. ווען סעאַדיעס אָריגינאַל האָט בא אים ניט אַרויסגערופן אַזא מין כשאַד, האָט ער איבערגעלאָזט די ציטאַטע אומגעענדערט.

מיר וועלן דאָ אויסמיידן די פראַגע פון דער ספּעציפישער שוימרוינישער אָרטאָגראַפיע און וויִאַזוי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם געגעבענעם שוימרויניש-העברעיִשן טעקסט. אָבער אויב שטעלן אין א זייט דיביידע מאָמענטן: די ציטאַטן פונעם טאַנאַך און אייניקע אָרטאָגראַפישע אָפּנייגונגען, איז דער שוימרויניש-העברעיִשער טעקסט א ראַיעלער. ער איז אַמנאָענטסטן ענלעך צום טעקסט, וואָס איז פאַרגעשטעלט אינעם פראַגמענט נומער 4036 פון דער אַדלער-זאַמלונג, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פונעם סעמינאַר אין ניו-יאָרק. ס'זיינען פאַראַן אינעם שוימרויניש-העברעיִשן טעקסט ווערטער, וועלכע זיינען אין די באַוווּסטע קסאַוויאַדן ניטאָ. אין אַזעלכע פאַלן איז שווער פעסטצושטעלן זייער אורשפּרונג: אַן אויסטראַכטעניש פון נאַגאַמאַ אָדער א שוימרוינישע טראַנסליטעראַציע פון א פאַרפאַלן געוואָרענעם העברעיִשן אָריגינאַל... אין אַזא פאַל וואָלטן מיר געהאַט צו טאָן מיט האַשאָוואַס-אַוויידע פון אַן אומבאַוווּסטער רעדאַקציע פון סעאַדיעס ווערק.

לייב ווילסקער

אנטדעקטע אוצרות

(נאָטיצן פון א ליטעראטור־פאָרשער)

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ 1985, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאקטור —
ס. טשערניאק, יע. קאפּלאן
קאָרעקטאָר כ. אָסטראָווסקי

Лев Вильскер

НАЙДЕННЫЕ СОКРОВИЩА

(заметки литературоведа)

М., «Советский писатель», 1985, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 28.10.84. Подписано к печати 18.02.85.
Формат 70Х108 1/32. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
(Условн. печ. л. 2,8). Бум. л. 1. Заказ 721.
Редакция журнала «Советиш геймланд»,
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 3, 1985

© Журнал «Советиш геймланд», 1985.